צופיל אָבער, איז מען אים ניט געקראָכן אין די ביי־נער. מען האָט געדענקט, אַז צום לערער ראַזמאַן דאַרף מען אָנקומען מיט זאַכן, פון וועלכער דער אייגענער טאַטע טאָר נישט וויסן.

און דאָ האָט טאַקע ראָזע, די קראַנקן־שוועסטער פון דער „טאַז”־אַמבולאַטאָריע אַרויסגעהאָלפן.

צוערשט האָט ער אַזאַ בחור אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אי אַ פראַגע, אי אַ פאַרוואָרף:

—ווו האָסטו עס חברה־מאַן אונטערגעכאַפּט? און עפּעס דאָרטן מיט אַ בּיליקער שטיק...

און מיט באַדויערן האָט ער צוגעגעבן:

— צוליב דריי מינוט פאַרגעניגן, וועסטו איצט דריי חדשים מוזן לײַדן...

★

*) אך צו מיין רויז (אנדייטונג אויפן נאָמען — ראָזע) וואָס האָט שוואַרצע יוינגן, און זי וועט מיר נעבן אלץ, וואָס זי פאַר־מאָגט . . .

אין באַיאַרסקיס קינאָ האָט מען געוויזן דעם פילם „טונעל”, פאַר די שולן.

אַ „מעגעלע” פון צוויטן יאָר „רעמעסלנע” איז געזעסן אין קינאָ, מיט איין האַנט ארומגענומען די פּלייצע פון אַ מיידל:

אַזאַ זאַך האָט זיך געלייגט אויפן שכל.

זעליק שטיין האָט שוין אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז אים וועט געלונגען באַוויזן דער יוגנט אַז דאָס איז ניט דער ריכטיקער וועג; אַז צוליב פּערזענלעכע געפילן ווערט פאַרטאַכלעוועט אַ וויכטיקע אויפגאַבע, וועלכע די יוגנט האָט צו דערגרייכן, אין דעם אומרואיקן יאָר פון 1937. ער האָט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז די מענטשהייט קאָן עפּעס דערוואַרטן פון די שילער פון דער „רעמעסלנע”, די קומענדיקע פּראָלעטאַריער, וואָס קאָנען זיך נישט צע־שיידן מיט דער מענטאַליטעט פון אַ „מעגעלע”.

זיין גלויבן אין דער יוגנט האָט אַפילו נישט צוריק־געשטעלט דעם קלאַנג, אַז ס'איז פאַרשווונדן פערלשטיין, דער „מעגעלע” פון צוויטן יאָר. נאָך דעם ווי מען האָט דערשאָסן אַ פּראָוואָקאַטאָר אין אַ דראָזשקע אויף זאַוואַל־נע גאַס . . .

אפשר האָט זיך שוין צווישן די צווי, וואָס זיצן פאַר אים, אויך אָנגעהויבן אויספיקן אַ ליבע. מאַלע וואָס עס נעמט זיך אויספיקן אין דער טונקלקייט פון אַ קינאָ...

נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך געכאַפּט — אַז דאָס מיידל איז זיסל.

— זי אויך?!

די קאַטאַסטראָפע אין טונעל וואָס ער האָט נאָר וואָס בייגעוווינט, האָט אים אויסגעזען ווי אַ קליינער פּאַרפּאַל, אויפן וועג צו אַ גרויסער אידיי, אַנטקעגן דער קאַטאַס־טראָפע פון זיין גלויבן, וואָס נעמט זיך קרישלען פאַר זיינע אויגן.

— זי אויך?

אין דער טונקלקייט פון קינאָ האָט זיך אים געגומען אויסדוכטן, אַז אָט: פאַר זיינע אויגן ווערט דורכגעבראָכן אַ מאָראַלישע וואַנט אין זיינע אַלע האָפענונגען צו זען אַ קעמפערישע יוגנט, ווערן פאַרשאָטן אונטער די שטיי־נער פון דער קרישלענדיקער וואַנט.

ניין. ער האָט נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם פאַקט. ער קאָן נישט פאַרבלייבן בלויז אַן עדות. ער מוז עפּעס טאָן דערצו.

מיט איין שנעלע באַוועגונג האָט ער אַראָפּגענומען דעם בחורס האַנט פון זיסלס פּלייצע...

★

אפנים — די אויפגאַבע וואָס דאָס לעבן האָט אַרויפ־געלייגט אויף זעליק שטיינען, איז נישט געווען צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער און מאָראַליסט.

צוליב דעם טאַקע האָט ער געהאַט צו זינגען און צו זאָגן, אין דעם פּלאָנטער אין וועלכן ער אַליין איז פאַר־קראָכן...

— וועלוול זאַגער — אַפּוועזנד.

אין איינעם אַ ווינטערדיקן פּרייטיק פרימאָרגן, האָט מען אויך געמוזט זיך אַרויסהעלפֿן מיט דירעקטאָרס אַנ־דער נאָסטאַלגיע, וואָס איז געווען — דאָס אַלטע צאַרישע רוסלאַנד.

עס האָט געשנייט. דער פלאַכער דאַך, אויף וועלכן ס'איז ארויס דאָס פענצטער פון קלאַס איז פול געוואָרן מיט ווייסן, פּוכיקן שניי, וואָס האָט אויסגעזען אומשולדיק און צוציענדיק. האָבן חברה ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון, אויפגעמאַכט דאָס פענצטער, און צווישן אַ יאָ און אַ ניין האָט זיך צעפלאַקערט אַ מלחמה מיט שניי־קוילן, און די ווייסע, האַרטע „סניעזשקעס" זענען געפלויגן אהין און צוריק, כאָטש עס איז שוין געווען היפּש נאָכן גלאָק, אויף וועלכן קיינער האָט סיי ווי קיין אַכט ניט געלייגט. ערשט ווען אַזאַ „סניעזשקע" האָט געטראָפן דער לע־רערין פון פּויליש, וועלכע איז נאָר וואָס אַריין אין קלאַס — און געטראָפן אין אַן אויג, און אַראָפּגעוואָרפן אירע ברילן —

ערשט דעמאָלט האָט מען זיך געכאַפּט, וואָס מ'האָט דאָ אָפּגעטאָן...

די צווייטע שעה איז געווען מעכאַניק. מען האָט גע־וואַרט אויפן פסק־דין פון דירעקטאָר.

געוווּסט האָבן מיר דעם דירעקטאָרס מיינונג וועגן אונדז, וואָס מען מוז מודה זיין — איז געווען ניט גאָר קיין געהויבענע. ווען ער איז געווען אין אַ גוטער שטי־מונג, האָבן מיר ביי אים געהייסן:

— דער פּריזיער פּאַריין...

דעם נאָמען האָבן מיר זיך פאַרדינט, מחמת ביי פּאַר־שידענע מלוכישע פּאַראַדן, ווען שילער דאַרפן מאַרשירן, האָבן אַלע שילער זיך באַוויזן אין זייערע אוניפאָרמען. די „רעמעסלנע" האָט אויך געהאַט אַן אוניפאָרם, אפילו ווען דאָס איז בלויז געווען אַ ברוין, סאַמעטן היטל מיט אַן אויסגעהאַפטן מגן־דוד אינמיטן. נאָר ס'האָט זעלטן ווער גענומען זיך די טרחה צו קויפן אַזאַ היטל. איז שוין במילא אויסגעקומען, אַז יעדער האָט געטראָגן אַזאַ היטל, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ווען דער דירעקטאָר האָט גע־כאַפּט אַ קוק אויף די אויסגעשטעלטע רייען, אויף דער קאָלעקציע פון היטלען, מיט וועלכע מיר האָבן זיך פּרע־זענטירט, האָט ער זייטיק באַמערקט:

— פונקט ווי אַ פּריזיער פּאַריין...

און געזאָגט האָט ער עס, אָן אַ טראָפּן באַגייסטערונג...

נאָך פאַרן קלונג זענען שוין אַלע געזעסן אויף די ערטער, וואָס דאָס אַליין איז שוין געווען אַן אויסדרוק פון חרטה.

דער דירעקטאָר איז אַריין אין קלאַס. דער טונקעלער וואָלקן, וואָס איז געווען פאַרצויגן איבער זיין פּנים, האָט אָנגעזאָגט דעם קומענדיקן שטורעם.

מיט אימפעט האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט, אים צו באַגריסן. עמעץ האָט אָנגעהויבן, און אין אַ רגע האָט שוין דער קלאַס געדונערט, ווי אַ ראָטע זעלנער:

—זדראַוויאַ זשעלאַיעם, וואַשע וויעליטשעסטוואָ!

פון וואַנען האָבן זיך די ווערטער גענומען? ווער האָט זיי אונטערגעזאָגט?

אַלע אויגן — ווי רעפלעקטאָרן זענען געווען אָנגע־שטעלט אויפן דירעקטאָר. ער איז געשטאַנען אויסגע־צויגן ווי אַ סטרונע, אין זיין אויג האָט געפינקלט אַ טרער פון גערירטקייט...

מצד די שילער האָט דעם דירעקטאָר ניט געפעלט קיין צרות. די לערער זענען אויך נישט אָפּגעשטאַנען.

מיטן אינזשעניער ראַזמאַן האָט דער דירעקטאָר גע־פירט אַ כסדרדיקע מחלוקה וועגן זיין זייגער, וואָס האָט זיך תמיד געשפּעטיקט, אָן שום באַרעכטיקונג, און דער־פאַר איז ער תמיד געקומען שפּעט אין שול אַריין.

דער אינזשעניער ראַזמאַן האָט געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט איבערצוציוגן דעם דירעקטאָר, אַז זיין זייגער שפּעטיקט זיך טאַקע. ער האָט אים אַרויסגעצויגן פון טאַש, ווי אַן אומצווייפלהאַפטן באַוויז און אָנגעוויזן:

— נאָט זעט אַליין...

ער האָט זיך געהאַלטן ביי ס'זייניקע אפילו דאַן, ווען יעדער האָט געוווּסט, אַז פונקט 12 בייטאָג האָט די פייער־לעשער סירענע אָנגעזאָגט דער גאַנצער שטאָט, ווי שפּעט עס איז. אַלע האָבן זיך באַנוצט מיט אָט דער צייט, אפילו די — מיט אייגענע זייגערס. דאָס האָט דער דירעקטאָר געוואָלט ווייסן:

— נישט געהערט די סירענע, האַ?

— ווי איך בין אַ ייד, ניט געהערט — האָט ראַזמאַן געענטפערט.

אין זיינע סטודענט־יאָרן, האָט דער דירעקטאָר אויך קיין האָניק נישט געלעקט, און דעריבער האָט מען וועגן אים נישט געקאָנט זאָגן, אַז ער לאָזט זיך פירן פאַר דער נאָז; אַז מ'קאָן אָפּקומען גלאַט מיט אַ תירוץ, וואָס איז אויסער יעדער לאָגיק. מיט געדולד און אויסדויער האָט דער דירעקטאָר זיך אונטערגענומען צו באַווייזן, אַז ער קאָן זיך אויף אָט די קונצן.

און טאַקע:

אַראָפּקוקנדיק פון דער אויבערשטער באַלוסטראַדע האָט ער געזען ווי דער לערער ראַזמאַן גייט מיט די טרעפּן אַרויף צו זיין לעקציע. ער נעמט אַרויס זיין טאַשן־זייגער, טוט אַ קוק אויף דער צייט, כדי צו זיין זיכער — אויף וויפל ער האָט פאַרשפּעטיקט, און דרייט צוריק די ווייזערס...

פון אָט דער אַנטדעקונג האָט דער דירעקטאָר קיין סוד ניט געמאַכט...

די מעשה מיטן זייגער איז בלויז געווען דער אַריינ־פיר צום ריכטיקן ספּעקטאַקל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט יעדעס מאָל, ווען דער לערער ראַזמאַן האָט פאַרלאַנגט, אַז שכירות זאָל מען אים צאָלן דירעקט, טאַקע אין האַנט אַריין...

— אַזוי ווי מען ציילט אין אַ טייסטער געלט? — האָט דער דירעקטאָר געוואָלט וויסן...

לויטן דירעקטאָרס אײַנזען איז געווען מער יושרדיק מען זאָל אויסצאָלן ראַזמאַנס פרוי, וואָס האָט קינדער עסן צו געבן.

וועגן זיסלען, האָט ער מיט גרויס רעספּעקט אַ טראַכט געטאָן:

— אָט דאָס איז עס... אַזאַ דאַרף זיין די יוגנט...

איז וואָס־זשע האָט דערזען זעליק שטיין אין דער טונקלקייט פון באַיאַרקיס קינאָ?

ער האָט דערזען — דאָ, ממש פאַר זיינע אויגן — ווען אויפן עקראַן שפּילט זיך אָפּ די דראַמאַטישע סצענע פון דורכברוך, אין וועלכע ער האָט געזען דעם סימבאָל פון דער נייער אָרדענונג פון וועלכער עס טיילט אָפּ אַ שטיינערנע וואַנט — אין דעם דראַמאַטישן מאָמענט פון עקזאַלטאַציע האָט ער דעזען, ווי עס זיצט אַ „מעגעלע" פון צוויטן קלאַס, זיין האַנט פאַרלייגט אויפן פּלייצע פון אַ מיידל, און זיי פילן זיך אַזוי היימיש, ווי היימיש מען קאָן זיין אין דער טונקלקייט פון אַ קינאָ...

✶

דער נאָמען האַנטווערקער־שול — וואָלט פאַרבליבן סתם אַ נאָמען פאַר אַ שול — אויסצובילדן פאַכלייט; אַ סטאַטיסטיק — אויב עמעצער וואָלט זיך אונטערגענומען איבערצוציילן די ידישע פאַך־שולן אין פוילן. אָבער דער שול האָט מען גערופן: „רעמעסלנע".

אַ שילער פון דער שול וואָלט פאַרבליבן אַן איינס אין דער פנימלאָזער סטאַטיסטיק, ווען ער הייסט ניט: איזיק „שמאַלץ", אָדער שלמה „ביקל", אָדער איזיע „קיבעבע", אָדער נאָטע „דער ווילדער שאָס".

אַזוי טאַקע וואָלט אַ לערער, ווי יעדער — וואָס טראָגט דעם נאָמען לערער פאַרבליבן איינער פון די, וואָס גיט זיך אָפּ מיט לערעריי, אָן אַן אייגענעם קען־צייכן. אָבער ניט אַ לערער פון דער „רעמעסלנע". דאָ האָט שוין אַ לערער געהאַט ניט בלויז אַ נאָמען, נאָר טאַקע אַ כאַראַקטעריזאַציע, וואָס האָט אים אויסגעטיילט פון אַנדערע לערער.

אָט נעמט דעם מאַטעמאַטיק־לערער. ער האָט געהאַט זיין סיסטעם.

— אַז מירן נעמען אָט וואָס — האָט ער אָנגעוויזן אויפן טאָוול — און טאָפּלען אויף אָט וואָס — וועלן מיר באַקומען — אָט וואָס...

דערויף האָט נאָטע „דער ווילדער שאָס", וואָס קאָן בדרך הטבע ניט זיצן רואיק, געפילט פאַר נויטיק צו באַשטעטיקן:

— אַז מען זעט עס באַשיימפּערלעך...

דער דאָזיקער באַשיינפּערלעך איז אים גלאָט ניט אַדורך — מחמת דער לערער האָט אויך געהאַט זיין דרך הטבע — צו רייסן ביי די אויערן...

און נאָך עפּעס:

דער לערער וואַסערמאַן איז געווען אונדזער קלאַסן־דערציער, וואָס דאַרף ניט בלויז אַכטונג געבן אויף דער אַקאַדעמישער זייט פון אונדזער דערציאונג, נאָר אויך אויף דער מאָראַל און גוטע מאַניערן, מיט וועלכער דער קלאַס האָט זיך ניט אויסגעצייכנט.

פאַסירט אַמאָל:

די „רעמעסלנע" האָט איינגעלאַדן די האַנטווערקער־שול פאַר מיידלעך אויף אַ פילם־אָוונט, אין גרויסן זאַל פון דער שול. נאָך אַלעמען — איז דאָס יאָר 1937 ניט געווען מער דאָס יאָר פון אָפּגעשטאַנענקייט...

נאָר ווייל דער לערער וואַסערמאַן האָט געקאָנט זיינע תלמידים, און ווייל מיר האָבן שוין אַביסל פּריצייטיק גענומען אַרומרודערן, האָט ער — ווי אַ דערציער — געפונען פאַר נויטיק אונדז באַצייטנס צו וואָרענען:

— יינגלעך — האָט ער אָנגעהויבן זיין רעדע — אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער וואָס וואָרנט אויף דער זייט, ווו מיר זענען געזעסן — יינגלעך — אַז איר וועט זיך אויפפירן ווי גאַסן־יינגלעך, וועט מען אייך שיקן צו גאַסן־מיידלעך...

נאָך אַזאַ אַריינפיר, האָט ער שוין -- פאַרשטייט זיך — מער גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגן, ווייל מען האָט אים סיי ווי מער ניט געהערט, צוליבן טומל פון די רייען — ווו די מיידלעך זענען געזעסן.

די יינגלעך האָבן גאָרניט געהאַט צו דערווידערן קעגן דעם פאָרשלאַג, און זענען דעריבער געזעסן רואיק, אפילו געשמייכלט דערביי.

אַז די מיידלעך האָבן זיך לסוף אַביסל באַרואיקט, האָט זיך דער לערער נאָך אַלץ ניט געפילט באַקוועם, ווייל ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט אויפקלערן, וואָס ער האָט אייגנטלעך געמיינט, ווען ער האָט געזאָגט...

ווי יעדער שול, האָט אויך די „רעמעסלנע" געהאַט אַ דירעקטאָר, און ווי קאָן מען אים פאַרבייגייך?

עס איז נויטיק צו וויסן, אַז ביים דירעקטאָר אין קאַבינעט איז געווען אַ טעלעפאָן, אויפן וואַנט, און אַנטקעגן איז געזעסן ביי אַ טיש די סעקרעטאַרין פון „רעמעסלנע", די פריילן דאַדיוק, צוליב וועלכער יעדער פון אונדז האָט געזוכט אַ תירוץ, ער זאָל קאָנען אַריינקומען אין קאַנצעלאַריע.

האָט מען טאַקע אַמאָל באַמערקט, ווי דער דירעקטאָר רעדט דורכן טעלעפאָן. ער האָט זיך פאַרנייגט, אַראָפּגענומען פאַר יענעם דעם הוט און מיט גרויס ערנסטקייט געלאָזן וויסן, אַז:

— דאָ רעדט דער אינזשיניער משה באַסעוויטש, פון דער ידישער האַנטווערקער־שול, וועלכע געפינט זיך אויף דער גאַס נאַדבזשעזשנאַ צוויאָונפּופּציק...

צוזאַמען מיטן אינזשיניערן־דיפּלאָם, האָט ער אין די לענדער ווו ער האָט שטודירט, אָפּגעשפּאָרט אויך אַ סענטימענט פאַר זייער שפּראַך און קולטור.

במילא איז שוין פויליש ניט געווען זיין מוטער־שפּראַך. אפילו ניט זיין שטודיר־שפּראַך.

מיט אונדז האָט ער געלערנט מעכאַניק און טעכנאָלאָגיע. פילבאַר פאַרן דירעקטאָרס נאָסטאַלגיע, האָט מען ביים אויסרופן די קלאַס־רשימה געענטפערט אויף דייטש.

— איזיק גלאַזמאַן — איז דער ענטפער געווען: אַנוועזנד.

— שלמה נאָוויק — אַפּוועזנד.

(דערציילונג)

מאַרק בעזובני

# דער קלאַס פון 37טן יאָר

זיסל איז ניט געווען דאָס שענצטע מיידל פון קלאַס, מחמת קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער, וועלכער מ'האָט שוין לכתחילה גערופן מיטן אומאָפפרעגבאַרן נאָמען: פופע.

צי זי האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ ליאַלקע איז גע־ווען אָפּהענגיק פון דעם, פון וועלכן ווינקל מען האָט זי גענומען אונטערן שפאַקטיוו: ווי אַלט דער פאַרליבטער איז געווען...

סיי ווי — זי איז געווען אַ זאָרגלאָז־פריילעכע, אַ צו־געלאָזנע, מיט חן־גריבעלעך און בידע באַקן און זיך וואַרעם געטוליעט. דאָס איז אויך געווען אַ מין באַנע־מונג וואָס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז זי איז גאָרנישט אויסן — אָט:

— באַוווּנדער מיין שיינקייט...

ווען שילער פון אַנדערע שולן זענען געקומען באַזוכן די מיידלעך אין אינטערנאָט פון דער האַנטווערקער־שול, האָט זיך פופע טאַקע אָנגעזען. צו וועמען מען איז ניט געקומען, האָט מען קודם זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר...

דעריבער האָט קיינער ניט באַמערקט ווי אַזוי און ווען פון צווישן אַלע מיידלעך איז דווקא זיסל געוואָרן דער צענטער, צו וועלכן ס'האָבן גראַוויטירט די בחורים.

ניאָמקע, דער מאַטעמאַטיקער פון טשעטשיקס גימ־נאַזיע איז טאַקע געווען דער ערשטער, וואָס האָט וועגן דעם געהאַט צו זאָגן:

— זי איז געוואָרן דער צענטער, צו וועלכן די שי־לער האָבן אָנגעהויבן גראַוויטירן, כאָטש לויט דער לאָגיק האָט עס געדאַרפט זיין פופע.

— דערקלערן אַ מיידל לויטן שכל הלאָגיק — קאָן נאָר אַ טרוקענער מאַטעמאַטיקער, ווי ניאָמקע — איז אים איצל אַריינגעפאָרן אין די רייד — אַ מיידל איז דאָך ניט קיין פיגור אויפן שאַך־ברעט.

איצל האָט פיינט געהאַט פאָרמולעס און לאָגיק — דערפאַר אָבער האָט ער ליב געהאַט מחיק און מיידלעך. אָבער מודה געווען האָט ער זיך:

— זיסל איז געקנאָטן פון גאָר אַן אַנדער טייג...

ניאָמקע גלייבערזאָן איז ניט געווען פון די בחורים וואָס גיבן אַזוי שנעל נאָך.

— זיסל האָט איר אייגענע ביאָלאָגישע טעאָריע, און לויט איר באַהאַנדלט זי אירע פריינד. פאַר איר זענען

דורות, אין אַלע צייטן, אין אַלע גלותן, צעשפּרייטונגען צווישן פעלקער זיך דערמאָנט, אַז די זענען דאָס אויסדער־ווילטע פאָלק, אַז זיי זענען די איינציקע צווישן אַלע פעל־קער וואָס האָבן אויסגעקליבן יהוהן, אים צו דינען. דאָס האָט די געהאָלפן איינצוהאַלטן זייער באַזונדערקייט און זייער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט.

בכלל ניטאָ קיין בחורים־מיידלעך, נאָר חברים און קעגנער. זי צעטיילט די געזעלשאַפט לויט קלאַסן און פאַרטייען...

— זיסל האָט היפשלעך פאַרשפעטיקט מיט איר טע־אָריע — האָט דערויף איצל באַמערקט — ווען גאָט וואָלט איבערגענומען זיסלס טעאָריע, וואָלטן פאַסירט צוויי זאַכן: — ערשטנס — וואָלט בכלל קיין וועלט ניט געווען, צווייטנס — וואָלט ער אָנשטאָט מענער און פרויען, באַלד אָנגעפילט דעם גן־עדן מיט סאָציאַליסטן, קאָמו־ניסטן; בונדיסטן; ציוניסטן און עסט קינדערלעך גראָז — און פירט דעבאַטן. אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי ער האָט געהאַט מער שכל: ער האָט באַשאַפן מענער און פרויען צוליב גאָר אַנדערע צוועקן, ווי פירן פאָליטישע דעבאַטן...

מעגלעך: זיסל האָט אפשר יאָ געוווּסט, וועגן וואָס חברה שפאַרן זיך, הגם זי האָט זיך קיינמאָל ניט פאַר־טראַכט וועמען צו געבן גערעכט: ס'איז געווען דאָס יאָר 1937. די וועלט האָט געצאַפּלט אין פאָליטישע קאָנווול־סיעס, ווי אַ שווער־קראַנקער. די יוגנט האָט געפלאַטערט מיט אידעאָלאָגיעס; געשלונגען פאָליטישע לופט, וואָס איז פול געווען מיטן ריח פון דינאַמיט, און געשפּיגן מיט פייער.

דערפאַר טאַקע האָט עס גאָר אָפט פאַסירט, אַז ניט איין בחור וואָס איז געקומען זען אַ מיידל אין אינטער־נאָט, האָט געלאָזן זיצן „דאָס פּראָבלעם" און מיט אייפער זיך אַריינגעלאָזט אין וויכוח מיט זיסלען, פאַרגעסנדיק צוליב וואָס, מיט וועלכע כוונה ער איז דאָ לכתחילה געקומען...

*

ביי באַיאַרסקין אין קינאָ האָט מען געוויזן דעם פילם „טונעל", אין אַ סעאַנס פאַר שילער.

זעליק שטיין, דער שילער פון דריטן יאָר „רעמעסלנע" האָט אין דער טונקלקייט פון קינאָ דערזען עפּעס, וואָס איז געווען ניט נאָר אויסער די ראַמען פון עקראַן, און פון דער געשיכטע, וואָס האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּילט, נאָר טאַקע אויסער די ראַמען פון דעם סדר, וועלכן ער — זעליק שטיין האָט געוואָלט די יוגנט זאָל זיך פירן.

זעליק שטיין איז שוין געווען — קאָן מען זאָגן — כמעט אַ דערוואַקסענער. ווו נאָר ער האָט געטראָפן די שילער פון דער האַנטווערקער־שול, ביי דער אַרבעט אין וואַרשטאַט; אויפן איבעררייס — אַלע זיינע געדאַנקען האָבן געהאַט איין פונקט:

— די יוגנט פאַרטאַכלעוועט צייט אויף „פוסטע זאַכן", אָנשטאָט אָפּגעבן זיך מיט ענדערן דעם סדר פון דער וועלט... די מענטשהייט, אַלץ דאַרף געטאָן ווערן פאַר דער מענטשהייט און ניט כדי צו באַפרידיקן קליינ־לעכע אַמביציעס. דאָס ציט אָפּ די יוגנט פון איר הויפּט־אויפגאַבע אין לעבן...

ווען ער האָט אויפגעכאַפּט, וואָס די בחורים זאָגן אַלץ

אַלע געזעצן, זענען שוין באַקאַנט געווען אין די קולטורן פון יענער צײַט. זיי זענען אַרומגעגאַנגען שבל־פּה ווי חכמות און פילאָסאָפישע אמתן ביי די גרויסע פעלקער פון מיטעלן מזרח.

דער פאַרדינסט פון יידן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן דורכן געזעצן אין דעם, שפּעטער, פאַרשריבענעם וואָרט פאַרהיט פאַר דער מענטשהייט די דאָזיקע חכמות פון די פאַרשווּנדענע ציוויליזאַציעס. יידן, אָדער עברים, ווי זיי האָבן זיך דאַן גערופן, זענען געווען בלויז א קליינע גרופּע צווישן פילצאָליקע סעמיטישע שבטים, וואָס האָבן אין יענער צײַט אַרומגעוואַנדערט איבער דעם אַראַבישן האַלבאינדזל. קען זײַן אַז דער צוזאַמענטרעף מיט די ציוויליזאַציעס פון בבל און מצרים, וווּ זיי זענען א געוויסע צייט געווען שקלאַפן, האָט ביי זיי דערוועקט דעם באַגער צו ווערן אַן איינהייטלעך פאָלק, ווען די אַנדערע מדבר־נאָמאַדן האָבן נאָך די דאָזיקע אַנטוויקלונגס־שטופּע נישט געהאַט דערגרייכט.

עס זענען דאָ עטלעכע הויפּט־פאַקטאָרן וואָס פאַראייניקן אַ פאָלק. דאָס זענען: די גרענעצן פון לאַנד וועלכע דאָס פאָלק באַווינט, די שפּראַך, מנהגים, טראַדיציע, רעליגיע. אָבער קודם כל איז עס דאָס לאַנד, ווייל אין איין לאַנד קענען די איינוווינער האָבן פאַרשידענע שפּראַכן, דיאַלעקטן, זיך אונטערשיידן מיט טראַדיציעס און אוודאי מיט רעליגיע.

די יידן האָבן גלייך פון זייער ערשטן פּרווו צו פאַראייניקן זיך אין אַ פאָלק, נישט פאַרמאָגט דעם וויכטיקסטן פאַראייניקונגס־פאַקטאָר — אַן אייגן לאַנד. דאַקעגן איז זיי געגעבן געוואָרן אַ רעליגיע־קאָנסטיטוציע, וועלכע האָט אינקאָרפּאָרירט געזעצן לויט וועלכע די אָנגעהעריקע צום פאָלק האָבן זיך געדאַרפט פירן. עס וואָלט געווען ריכטיקער צו זאָגן, אַז די געזעצן וואָס די יידן האָבן באַקומען זענען פאַרזיגלט געוואָרן מיט גאָטס נאָמען, ווייל דאָס איז געווען אין יענע באַדינגונגען דאָס איינציקע מיטל וואָס האָט געקענט איפּצווינגען זייער אויספירונג. אַדאַנק דעם צוזאַמענטרעף פון יידן, וועלכע זענען געווען וואַנדערנדיקע נאָמאַדן מיט אַ העכערער ציוויליזאַציע זענען די אַריבערגעשפּרונגען עטלעכע שטאַפּלען פון נאָרמאַלער פאָלקס־אַנטוויקלונג, און דערפאַר זענען זייערע געזעצן געווען מאָראַלישע און עטישע, וועלכע עס האָבן געווינלעך פאַרמאָגט איינגעזעסענע פעלקער מיט לאַנגע טראַדיציעס.

דורך אויסקלויבן אַן איינציקן גאָט האָבן די יידן זיך אָוועקגעשטעלט באַזונדער פון אַנדערע פעלקער און זייער צייט, און שפּעטער פאַרהיט געוואָרן פון אַסימילאַציע און אויסמישונג; אַז יהוה האָט אויסגעקליבן די יידן, קען מען גלייבן — אויב מען וויל. אָבער אַז די יידן האָבן אויסגעקליבן יהוהן פאַר זייער גאָט דאָס איז אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון יידישן פאָלק. עס איז געבוירן געוואָרן אין גלות. זיי האָבן אויסגעקליבן דאָס לאַנד כנען ווו זיך צו באַזעצן. (מען קען אויך זאָגן אַז גאָט האָט פאַר זיי אויסגעקליבן און געשענקט זיי דאָס לאַנד.)

מעגלעך, וואָלטן יידן געוואַקסן פון דער זיכערקייט, פון וועלכער עס האָבן געוואַקסן אַנדערע פעלקער פון אַלטערטום אין זייערע לענדער, וואָלטן זיי אַזוי ווי יענע אונטערגעגאַנגען נאָכן דערגרייכן דעם זעניט פון אַנטוויקלונג. אָבער צוליב דעם געאָגראַפישן אָרט ווו זייער אויסגעקליבן לאַנד איז געלעגן איז זיי קיין רו נישט באַשערט געווען. זיי האָבן באַווינט, ווי מען רופט עס היינט אָן, אַ בופער־לאַנד, וועלכעס איז געווען אַרומגערינגלט מיט די גרויסמאַכטן פון יענער צייט: מצרים, בבל, אשור, וועלכע האָבן, קעמפנדיק צווישן זיך, יעדעס מאָל פאַרנומען דאָס קליינע לענדעלע וואָס איז געלעגן אויף זייער וועג. די רעליגיע, וועלכע האָט די יידן צעמענטירט אין אַ פאָלק, אַ גלות־רעליגיע וואָס איז געבוירן געוואָרן אין מדבר, האָט זיי אויפגעהאַלטן פון אונטערגאַנג אין די שפּעטערדיקע גלותן — גלות־בבל און, שפּעטער נאָך דעם צווייטן חורבן פון בית־המקדש, אין דער צעשפּרייטונג איבער דער רוימישער אימפּעריע.

אין יעדן פון די קורצע פּעריאָדן, אין משך פון וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט געוואַקסן פון אומאָפּהענגיקייט אין אייגענעם לאַנד ישראל, האָט נאָך אַ געוויסער צייט זיך אָנגעהויבן צו מערקן אַ דעקאַדענץ, אַ זינקען פון מאָראַל, אַזוי ווי דאָס איז געווען דער פאַל פון אַנדערע איינגעזעסענע פעלקער אין יענער (און אפשר אויך היינטיקער) צייט.

עס איז אָבער ביי די יידן געווען אַ שטאַרקער כוח, וועלכן די אַנדערע פעלקער האָבן נישט פאַרמאָגט, זייער אייגנאַרטיקער מאָנאָטעאיסטישער גלויבן. ער איז זיי געגעבן געוואָרן דורך דעם ערשטן שליח וואָס גאָט האָט זיי געשיקט משה רבינו. פון דאַן אָן איז ביי זיי אַנטשטאַנען די טראַדיציע פון נאַציאָנאַלע שליחים פון גאָט, וועלכע האָבן זיך גערופן נביאים. זיי האָבן איבערצייגט דאָס פאָלק, אַז דאָס איז דער געזעץ פון גאָט; די נביאים האָבן אָנגעהאַלטן די ליניע פון מאָראַל און עטיק — די אורשפּרינגלעכע באַזע פון דעם פאָלקס אַנטשטייאונג. די שליחים־נביאים זענען געווען דער קעגנווירקנדיקער כוח צו דעם גייסטלעכן אַפּאַראַט וואָס האָט זיך געשאַפן ביי יידן, פּונקט ווי ביי אַנדערע פעלקער, וועלכער האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן די טענדענץ צו פאַרוואַנדלען רעליגיע און גלויבן אין אַן אינסטיטוציע. דורך פרײדיקן אידעאַלן האָבן די נביאים אָנגעצונדן דעם גייסט און מיטגעריסן דאָס פאָלק, נישט דערלויבנדיק אים אַריינצופאַלן אין סטאַגנאַציע, נאָך וועלכע עס קומט געווינלעך ירידה. אין צייטן פון יאוש, אין פאַרשיקונג, האָבן זיי דערמאָנט דעם פאָלק פון וואַנען עס שטאַמט און אַז עס האָט אויסגעקליבן אַן אַנדער וועג ווי דער געצנדינערישער אַרום.

אידייען זענען אין זייער מהות שטאַרקער און דויערהאַפטיקער, ווי פיזישע פאָרמען, זיי פאַרבלייבן און לעבן ביי מענטשן נאָך דעם ווי מאַטעריעלע אָביעקטן זענען שוין פון לאַנג זיך צעפאַלן און פאַרוואַנדלט אין שטויב. די יידן האָבן זייערע אידייען פאַרשריבן אין אַ בוך. דאָס בוך, דער תנ״ך, האָט איבערגענומען די שליחות פון די נביאים. דורך לייענען און לערנען דאָס בוך האָבן יידן אין אַלע

# ווי אַזוי מיר זענען געוואָרן „דאָס אויסגעקליבענע פאָלק"...

י. קאַפּע

איין ווערסיע דערציילט, אַז גאָט האָט, דורך זײַנע שליחים די פאָלקס־נביאים, געלאָזט וויסן די יידן, אַז זיי וועלן זײַן דאָס אויסדערוויילטע פאָלק. הײַנט, אין לעצטן פערטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז שווער אָנצונעמען די דאָזיקע ווערסיע; אַפילו די רעליגיעזע יידן נעמען הײַנט נישט מיר ווערטלעך אַלץ וואָס שטייט אין דער תורה. דאָך, אַ לאָגישע און וויסנשאַפטלעכע אויפקלערונג פון דער פריער געשיכטע פון יידן, מוז זיך שטיצן אויף אַלטע יידישע שריפטן. די יידישע תורה איז אַ געשיכטלעכער רעקאָרד — דאָס האָבן צווישן אַנדערע באַשטעטיקט די אויסגעגראָבענע מגילות ביים טויטן ים. שטיצנדיק זיך אויפן תנ"ך, קען מען נאָכפאָלגן די אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק פון זײַן אַנטשטייאונג אָן. אין דעם אַנאַליז פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג ליגט, גלויב איך, דער שליסל צו אונדזער באַשיידענער פאָרשונג. אָבער כדי צו געפינען דעם ענטפער מוז מען צוריקגיין גאַנץ ווײַט אין צײַט.

קודם כל מוז פעסטגעשטעלט ווערן אַז מאָנאָטעאיזם, דער גלויבן אין איין גאָט, איז נישט געווען קיין פלוצלינגדיקע דערשײַנונג און נישט קיין יידישע דערפינדונג. עס איז טאַקע נישט באַקאַנט גענוי ווי אַזוי דער גלויבן איז אַנטשטאַנען. מען ווייסט אָבער, אַז אין אַלטן מצרים האָט אין אַ געוויסן פעריאָד געהערשט אַ דינאַסטיע וואָס האָט אָנערקענט איין גאָט. מען מוז זיך אויך צוקוקן צו פריערגעצנדינערישע רעליגיעס. די ערשטע מענטשלעכע גלויבונגען זענען באַשטאַנען אין פאַרגעטערן די הימלישע אָביעקטן — די זון, שטערן, און די עלעמענטן, פײַער, וואַסער, ווינט. וואַרשײַנלעך איז גלייך מיט דעם געקומען דאָס פאַרגעטערן פון אבות. דער ערשטער שטאַפּל פון אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווי מיר קענען זי הײַנט, איז געווען די פאַמיליע־איינהייט. ווען דער קאָפּ פון דער פאַמיליע, דער פּאַטריאַך איז געשטאָרבן, האָט מען זײַן סקעלעט פאַרהאַלטן: אָפּגעגעבן אים אַ ספּעציעל אָרט; אַוועקגעלייגט פאַר אים יעדן טאָג עסן, באַטראַכטנדיק אים ווי דאָס זיץ־אָרט פון פאַרשטאָרבענעמס גייסט. אין דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג האָבן פאַמיליעס זיך אָנגעהויבן צו פאַראייניקן אין שבטים. דאָס איז געווען כדי צו קענען בעסער זיך פאַרטיידיקן אין אַ געפאַר און זײַן מער עפעקטיוו אין יאָגד נאָך גרעסערע חיות. דאָס אָרט פון דעם פּאַטריאַך האָט פאַרנומען דער אָנפירער פון שבט.

ווען דער אוראַלטער מענטש האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט פיי־צוכט אָבער נאָך נישט געווען באַקאַנט מיט ערד־אַרבעט, האָט ער געמוזט, כדי צו פאַרזאָרגן זײַנע בהמות מיט פּאַשע, זיך איבערגעטראָגן פון אָרט צו אָרט. דער סקעלעט פון דעם פאַרשטאָרבענעם שבט־עלטסטן איז מיטגעטראָגן געוואָרן. מיט דער צײַט האָט מען קאָנסטרואירט פאַר אים אַ ספּעציעל געצעלט. מעגלעך אַז אין די דאָזיקע וואַנדערונגען נאָך פּאַשע און אין קאַמפּן מיט אַנדערע וואַנדערנדיקע נאָמאַדן איז אַזאַ מין סקעלעט פאַרלוירן געגאַנגען. דאַן האָט מען מיטגענומען מיט זיך די ליידיקע וווינונג, וועלכע האָט אָבער אין באַגריף פון די שבט־מיטגלידער נאָך אַלץ אַנטהאַלטן דעם גייסט פון דעם פאַרשטאָרבענעם. דאָס האָט געקענט זײַן די ערשטע אַנטוויקלונגס־פאַזע פון דעם איין־גאָט גלויבן.

פעלקער וואָס האָבן זיך שוין געהאַט באַזעצט אויף לאַנד און זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, האָבן פאַרביטן דעם אַבסטראַקטן גייסט־גלויבן מיט מער האַפּטיקע און אָנזעעוודיקע סימבאָלן געמאַכטע פון האָלץ און שטיין.

עס איז שווער צו זאָגן — דערויף זענען נישט פאַראַן גענוג באַווײַזן — צו די ביידע סאָרטן גלויבנס: דער גייסט גלויבן און דאָס פאַרגעטערן סימבאָלן, געמאַכטע דורך מענטשלעכע הענט, זענען געקומען גלייכצײַטיק אָבער דער צווייטער איז געווען אַ המשך פון ערשטן. יעדנפאַלס, אין דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט זעט מען אַז די סימבאָלן האָבן גענומען די אויבערהאַנט. מיט דער צײַט אָבער איז פאַרגעסן געוואָרן אַז די האָלץ־און שטיין־אָביעקטן (און שפּעטער מעטאַל), זענען בלויז געווען סימבאָלן וואָס האָבן רעפּרעזענטירט גרויסע און מעכטיקע כּוחות און די סימבאָלן אַליין האָבן אָנגעהויבן באַהאַנדלט ווערן וויווירקלעכע געטער, צו וועלכע מען האָט זיך געבוקט און תפילה געטאָן.. די יידן זענען אין דעם פּרט געווען אַן אויסנאַם (גליקלעכער אָדער אומגליקלעכער?) אויב נישט אין דער אַלגעמיין־מענטשלעכער, איז אַמווינציקסטנס, אין דער מערבדיקער געשיכטע. זיי האָבן פאַרביטן זייער גייסט־גלויבן, און אויב דער גלויבן האָט זיך געענדערט, איז עס נאָר אין דער ריכטונג פון אַ גרעסערער אַבסטראַקציע. קען זײַן אַז עס איז אינגאַנצן נישט צופעליק וואָס יידן זענען אַן אויסנאַם, ווייל פאַקטיש זענען יידן פאַרבליבן אַ וואַנדער פאָלק ביז דער גאָר מאָדערנער צײַט.

די יידן זענען די ערשטע אין דער באַקאַנטער געשיכטע, וועלכער האָבן אָנגענומען אַ גלויבן אין איין גאָט און אים דערפירט צו אַ העכער מדרגה. משה רבינו, דער פירער וואָס האָט די ישראל־שבטים אַרויסגעפירט פון מצרים פון די פּרעס, האָט דורך געבן זיי אַן אייגנאַרטיקן גלויבן, צעמענטירט די יידן אין אַ פאָלק. אין דעם נייעם גלויבן זענען אַרײַנגעגאַנגען מאָראַליש־עטישע געזעצן, וועלכע זענען געווען דאָס וואָס מען רופט הײַנט אָן: אַ נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציע. עס איז אָבער פאַלש צו גלויבן, אַז די דאָזיקע געזעצן זענען געשאַפן געוואָרן דורך משהן. פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, וווּ מען געפינט ליימענע טאָוולען פאַרשריבן מיט קוני־פאָרם שריפט פון אַלטערטום, דערוויסן מיר זיך אַז אַ סך פון די דאָזיקע, אויב נישט

אויף. וואָרף אַנידער דעם רשע ווו ער איז, לייג אים אין דער ערד, אין אַן אומבאַקאַנטן קבר. אור — נא כגבר חלציך. גבר איז די באַדײַטונג אַ העלד, אַ קעמפער (תהלים 8, 24; און איוב 14, 16 — גאָט האָט אים פאַרגליכן צו אַ קעמפערישן מאַן). אין זיין ענטפער ווייזט גאָט איוב'ן, אַז ער אַליין שפּילט א ראָל אין באַקעמפן דאָס שלעכטס, דאָס רשעותדיקע. ווי מאַרסעל זאָגט: צו זיין אין אונדזער וועלט איז זיך אַריינמישן אין אַלעם וואָס ווערט געטאָן אין אונדזער וועלט.

„דאָס אָנטײלנעמען אין אויפפירונג פון דער וועלט איז מער ווי איין מדרגה. אויף יעדן ניווא דאַרף אַן ענלעכער קאַמף געפירט ווערן. מיר קאָנען נישט אָפּזונדערן דעם יחיד פון דעם, וואָס עס געשעט אין דער וועלט. אָנטײלנעמען איז דער איינציקער וועג. דאָס איז דער פונדאַמענט פאַר אונדזער דערפאַרונג און עקזיסטענץ אין דער וועלט. (גאַלעגער, ט.: די פילאָזאָפיע פון ג. מאַרסעל). גאָט באַמיט זיך נישט צו דערשרעקן איוב'ן. ער וויל אים געבן מוט און האָפענונג. גאָט באַמיט זיך צו געבן אים אַן עצה צו געפינען אַ וועג ווי צו זען וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט. מיר דאַרפן זיך באַמיען אַזוי צו באַאײַנפלוסן אַלעס וואָס קומט פאָר אין דער וועלט, עס זאָל אָננעמען אַן אַנדערן כאַראַקטער, אַפילו בייטן געוויסע פּראָצעסן אין אוניווערס, אין וועלכן מיר לעבן. גאָט באַמיט זיך צו בייטן איוב'ס מיינונג וועגן דער ראָל וועלכער אַ מענטש דאַרף שפּילן אין דער וועלט. דער מענטש דאַרף זיין אויפמערקזאַם און שעפעריש אַקטיוו. דאָס איז אַ שטענדיקע שעפערישקייט וועלכע האָט דעם ציל צו ברענגען דער וועלט פּערפעקציע און האַרמאָניע און נישט פאַרניכטונג. איוב האָט געפאָדערט פון גאָט, אַז ער זאָל זיין יושרדיק צו די דאָזיקע מענטשן, וועלכע זענען גערעכט און יושרדיק, און היטן אָפּ גאָט'ס געזעצן. נאָר גאָט פאַרלאַנגט פון איוב'ן אַז ער זאָל זיין אַקטיוו און קאָנטראָלירן אַלעס וואָס עס קומט פאָר אין לעבן און אין אונדזער אוניווערס. די שדים זענען באַפאַלן איוב'ס קינדער און האָבן זיי געהרגעט. זיי האָבן אונטערגעצונדן זיינע הייזער און האָבן צוגערויבט אַלעס וואָס איוב האָט געהאַט. אָבער איוב האָט נישט געשטעלט קיין שום ווידערשטאַנד. איוב האָט געוואָלט גאָט זאָל שטעלן דעם ווידערשטאַנד. יונג'ס אויסטייטשונג פון אַלעם דעם וואָס געשעט איז אַ רעזולטאַט פון אַרכיטיפּן. יונג זאָגט: אַלץ וואָס געשעט, אַלע וויכטיקע אידייען וואָס ווערן רעאַל אין היסטאָריע, גייען צוריק צו די אַרכיטיפּן. דאָס אונטערבאַוווסטזיין איז דער שורש פון די אינסטינקטיווע כוחות פון דער פסיכע און פון די אַרכיטיפּן וועלכע רעגולירן זיי". אויך די אידייען פון רעליגיע און פילאָסאָפיע וועלכע האָבן עקזיסטירט אין די פריערדיקע דורות פון דער מענטשלעכער היסטאָריע, גייען צו זיי צוריק. יונג דערציילט, אַז איך האָב געזען דעם היטלעריזם קומען, און איך פאַרשטיי דאָס, ווייל איך קאָן דעם כוח פון קאָלעקטיוון אונטערבאַוווסטזיין, ווען איך בין אין דייטשלאַנד גלויב איך דאָס אַלץ; איך ווייס, אַז עס דאַרף זיין, ווי עס איז. נאָר שפּעטער ווען היטלער האָט פאַרנומען טשעכאָסלאָוואַקיע (1938) האָט זיך יונג מודה געווען. „איך האָב געמאַכט אַ טעות".

שרייבט יונג וועגן היטלערן:

„די אויסערגעוויינלעכע כאַראַקטעריסטיק פון זיין פיזיאָנאָמיע, איז זיין פאַרחלומטער קוק. עס איז געווען אין זיינע אויגן דער בליק פון אַ נביא. דער מיסטישער כאַראַקטער זיינער מאַכט אים טאָן זאַכן, וועלכע זעען אויס פאַר אונדז אומלאָגיש, אומדערוואַרט און נישט שכלדיק".

יונג לויבט ווייטער היטלערן: „ער מאַכט פּאָליטישע דעציזיעס קעגן דער מיינונג פון די אַלע, וואָס ראַטן אים. ווען דאָס געשעט מיינט עס, אַז די אינפאָרמאַציע וואָס זיין אונטערבאַוווסטזיין באַקומט און וועלכע עס קומט צו זיין באַוווסטזיין מיט דער הילף פון זיין אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט — איז ריכטיקער פון אַלע איבעריקע".

יונג דערציילט ווייטער: „ווען טשעמבערליין האָט געוואָרנט היטלערן, נישט צו גיין צו ווייט, ווייל אַנדערש וועט ענגלאַנד דאַרפן פירן מלחמה קעגן אים. זיין אונטערבאַוווסטזיניק אויג האָט זיך געשטיצט אויף דעם, וואָס ער האָט געלייענט וועגן די ענגלישע אויסערן־מיניסטאָרן. דעריבער האָט טשעמבערליינס וואָרענונג נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף אים. ער האָט געוווּסט, אַז ענגלאַנד וועט נישט וואָגן אַרויסגיין קעגן אים!..."

יונג האָט אָנגענומען אַ ראַסן־פּסיכאָלאָגיע, און ווען ד"ר באַלי האָט פּראָטעסטירט האָט אים יונג געענטפערט:

זיין אונטערשטיצונג פון די דייטשע דאָקטוירים האָט גאָרנישט צו טאָן מיט פּאָליטישער איינשטעלונג. לויט יונג'ן איז די האָפענונג פון מענטשן איינגעוויקלט אין כמאַרעס פון געוואַזנע געטער. אַזוי אַרום איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון מענטשן אַ מינימאַלע. יונגס וועג פון טראַכטן קען נישט אָנגענומען ווערן אַלס ריכטיקער וועג פאַר די דאָזיקע וואָס זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער געשיכטע.

יונגס טעאָריע איז נישט אין הסכם מיט דער פילאָסאָפיע פון עקזיסטענציאַליזם, וועלכע האַפט אויף אַ בעסערער צוקונפט

מיר קאָנען נישט מאַכן עמעצן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזערע טאַטן. היטלער האָט נישט געהאַט קיין רעליגיעזן גלויבן. ער האָט נישט געגלויבט אין קריסטוסן.

היטלערן האָט אימפּאָנירט די פעסטע אָרגאַניזאַציע אין דער פאָרם פון דעם פויפּסט און דעם וואַטיקאַן. היטלער האָט זיך באַמיט איבערצייגן די דייטשן, אַז די וויכטיקסטע זאַך אין לעבן, איז גלויבן. ער איז געווען איבערצייגט און האָט אַלץ געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט, די דייטשן זאָלן גלויבן אין אַ העכערער מאַכט, אין אַ גאָט, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך באַמיט, אַז די דייטשן זאָלן גלויבן אַז ער איז די דאָזיקע מאַכט. אין אַלע זיינע רעדעס האָט ער זיך באַמיט צו פאַרגרעסערן דעם גלויבן פון די דייטשע מאַסן, אַז ער איז דער געוווּכטער גאָט.

פּראָפ. יונג'ס פאַלשע אויספירן, האָבן דערמוטיקט היטלערן און זיינע וויסנשאַפטלער אָנצוהויבן די בלוטיקע מלחמה קעגן יידן און קעגן דער וועלט.

---

מגר. בן־ציון פעלדשוה:

# אַן ענטפער פּראָפעסאָר ק. ג. יונג

יונג האָט צוערשט געאַרבעט צוזאַמען מיט פרוידן און אַדלערן. ערשט שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן באַזונדער און האָט אָנגעהויבן גיין זיין אייגענעם וועג. יונג האָט אָנגעהויבן אַוועקגיין פון פרוידן, ווייל ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער פאַרשטייט אַנדערש די פונדאַמענטאַלע ריכטונגען פון דער נישט לאַנג געגרינדעטער שיטה: פּסיכאָלאָגיע.

אויף יסוד אויף וועלכן פרויד בויט זיין גאַנצע טעאָריע איז אונטערדריקונג (רעפּרעסיאָן). אונטערדריקונג איז אַ מיטל ווי אַזוי צו מאַכן פאַרגעסן די שפּורן פון עפּעס, וואָס האָט עקזיסטירט קעגן דעם ווילן פון דעם עגאָ. די דאָזיקע אונטערדריקונג שפּילט אַ גרויסע ראָל אין צופּאַסן דעם אינדיווידואַל צו זיין ראָל אין דער געזעלשאַפט. דאָס איז ד״ר יונג׳ן נישט געפעלן. די אונטערדריקונג פון באַוווסטזיין — לויט יונגען — קומט פאָר אַלס אַ רעזולטאַט פון פּחדנות, מאָראַליטעט און אָפּצוהיטן די גוטע מיינונג.

ט. וו. מיטשעל, איינער פון די גרעסטע ענגלישע פּסיכאָלאָגן, זאָגט: דאָס קינד איז דער פאָטער פון דעם קומענדיקן מענטש. לויט יונג׳ן דאַרף בכלל נישט עקזיסטירן אַ קינדער־פּסיכאָלאָגיע. יונג איז קעגן דער אונטערדריקונג און פאַרבייט דאָס מיט אַ מיטאָלאָגישער פיגור: מיט אַן אַרכיטיפּ. דער זין דערפון איז, אַז דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אונטערדריקונג. יונג איז ביי דער מיינונג, אַז דער מענטש איז אָפּהענגיק פון קאָלעקטיוון באַוווסטזיין. און דאָס איז זיין ראָל אין די צוקונפטיקע דורות. דאָס קאָלעקטיווע אונטערבאַוווסטזיין באַשטייט פון אַ קאָנטינואיטעט, וואָס איז אָפּהענגיק פון אַנדערע מיטלען און נישט פון אונדז.

יונג פאַרבייט זיין קאָלעקטיוון אונטערבאַוווסטזיין מיט פרוידס אונטערבאַוווסטזיין. פרוידס אונטערבאַוווסטזיין איז פריער געווען באַוווסטזיין, אָבער יונגס קאָלעקטיווער אונטערבאַוווסטזיין איז שטענדיק געווען אונטערבאַוווסטזיין. אַנדערע אונטערשיידן האָבן זיך אַנטוויקלט ווען יונג איז געקומען צום אויספיר, אַז ס׳זענען פאַראַן יידישע און נישט יידישע פּסיכאָלאָגיעס.

אין בוך איוב ענטפערט גאָט איובס פראַגן. יונג, וועלכער גלויבט, אַז גאָטס ענטפער איז נישט גענוג, און נישט צו דער זאַך, שרייבט: „איך וועל אויסדריקן מיין ענטפער אָן פּחד און איך וועל ענטפערן דאָס אַניושרדיקייט״.

איך וויל דאָ אַנאַליזירן גאָטס ענטפער און ווייזן, אַז יונג האָט נישט פאַרשטאַנען דעם טעקסט, אַז יונג אַליין איז געווען אַ לעבעדיקער עדות פון דעם וואָס איז פאַרגעקומען אין די צייטן פון היטלערן. ער האָט געזען קומען אים צו דער מאַכט און ער האָט געהאַלטן, אַז היטלער איז אַ נביא און ער האָט גאָרנישט געטאָן קעגן דעם. ער האָט זיך באַצויגן צו דער גאַנצער היטלער־דראַמע, אַלס צוקוקער.

יונג זאָגט, אַז גאָט האַלט איובן אַלס זיין קעגנער. דאָס איז פאַלש. אין פּראָלאָג זאָגט גאָט וואָס ער קלערט וועגן איובן. דער פאַקט, אַז איוב וויל נישט פאַראָטן גאָט, מאַכט אומגילטיק יונג׳ס אויסטייטשונג. אין דעם תנ״ך זאָגט גאָט אַן זיין פאָלק: „איר זאָלט זיין פאָרזיכטיק צו טאָן וואָס גאָט האָט געהייסן, כדי איר זאָלט לעבן און זיין צופרידן״.

יונג איז ווייטער ממשיך זיינע אַרגומענטן קעגן גאָט: ער רעאַגירט אויף יעדעס וואָרט, וואָס האָט אַ שיין פון קריטיק. גאָט איז נישט אינטערעסירט אין קיין שום קריטיק וואָס גייט קעגן זיינע סטאַטוטן פון מאָראַלישער באַציאונג. „קיין שום מאָראַלישע סאַטיספאַקציע קאָן מען נישט דערוואַרטן פון אַזאַ גאָט״.

יונג גלויבט, אַז איוב איז גאָט׳ס שונא. עס איז ריכטיק, אַז איוב׳ס טענות זענען אַ פּראָדוקט פון פּראָטעסט — לאָמיר נישט פאַרגעסן — זיי זענען אָבער אויך אַן אויסדרוק פון אומבאַגרענעצטן גלויבן און צוטרוי צו דעם גאָט. איוב זוכט יושר פון גאָט, אָבער יושרדיקייט איז אויך אין גאָט׳ס אינטערעס, אַ נישט, ווער מען זאָגן דאָס וואָס יונג זאָגט. איוב׳ס פּראָטעסט איז ריכטיקער אַ בקשה.

גאָט האָט נישט אָפּגעגעבן איובן צום שטן ער זאָל אים פאַרניכטן. גאָט האָט געמאַכט דעם שטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איוב׳ס לעבן. גאָט האָט געזאָגט צום שטן: „ער איז אין דיינע הענט, נאָר זיין נשמה זאָלסטו היטן״.

יונג זאָגט, אַז איוב האָט אַקצעפּטירט גאָט׳ס ענטפער פון דעםווירלווינד, ווייל איוב האָט מורא באַקומען פאַר דעם שטאַרקן גאָט. אָבער איוב איז איצט געווען צעבראָכן, קראַנק און קוים געלעבט. ער האָט געוואָלט שטאַרבן, ער האָט געוואָלט וויסן פאַרוואָס ער ליידט. שטאַרבן איז שוין נישט געווען פאַר אים קיין שטראָף. אויב דאָס וואָס זיינע פריינד האָבן געזאָגט אַז איוב האָט געזינדיקט און ער ווייסט, אַז ער איז פריי פון זינד, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עמעצער אַנדערש איז שולדיק אין זיינע צרות. דעריבער האָט ער געוואַרט אויף גאָט׳ס ענטפער. יונג האַלט, אַז גאָט האָט נישט געענטפערט אויף איוב׳ס פראַגן. לויט יונגען איז גאָט׳ס ענטפער מער אומלאָגיש ווי איוב׳ס פּראָטעסט: איוב האָט געוואָלט אַריינבליקן אין די געשעענישן און אָרדענונג פון אונדזער וועלט. אָבער גאָט׳ס ענטפער גיט אים דאָס נישט. „גאָט׳ס שרייען אויף איוב׳ן, קומט נישט צום פּונקט אים צו ווייזן עפּעס פון דער פירונג פון דער וועלט. מען זעט — זאָגט יונג — „אַז ער איז פאַרנומען מיט זיך אַליין. ער האָט נישט — זעט מען — קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט אַזוינע אָנגעלעגנהייטן״.

גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו איוב׳ן צו געבן אים אַן ענטפער אויף זיינע פראַגן. אין קאַפּ. 90, פּסוק 7, זאָגט גאָט צו איוב׳ן: שטאַרק דיין קערפּער ווי אַ מאַן, און שטיי

באָדן. אַ דריטער כוח, די נאַציס האָבן געהאַט איבערגענומען ווו די קירך האָט עס איבערגעלאָזן. די דייטשן זענען געוואָרן דער טויטלעכער אַרביטער אין אַן אַלטן קאַמף צווישן דער קריסטלעכער און יידישער רעליגיע.

יהושוע האָט זיך געוווּנדעט. ווי האָט ער, אַ געוועזענער ישיבה בחור, געקענט אויסטוישן זיך מיט מיינונגען, און פאַרשטיין די טראַכטונגען פון א פשוטער פויערטע, זי האָט נאָר געוווּסט דאָס, וואָס דער דאָרפס גלח האָט געפּרעדיקט וועגן יעזוסן, וועגן די רוימער, וועגן די יידן — און וועגן יודאס...

אַלץ וואָס זי האָט געהערט פון גלח'ס מויל איז זיך צונויפגעפאַלן מיט אירע אייגענע דערפאַרונגען. זיי, די יידן האָבן אָנגעפילט איר טראַכטן מיט פאַרדרוס, און איר האַרץ — מיט שנאה.

———

מאַגדאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און איינגעהערט זיך צו אַ בילעריי פון הינט וואָס איז געוואָרן נענטער. יהושוע איז אויפגעשפּרינגען פון אָרט.

— איך מוז גיין!... אַ דאַנק פאַרן ברויט. איר האָט געטאָן וואָס אַ גוטע קריסטין דאַרף טאָן.. איצט, גוטע פרוי, זאָל דיך נישט לאַקן דער קילאָ צוקער!... אויב די דייטשן וועלן פרעגן אויף מיר — זאָג זיי גאָרנישט! ווער נישט קיין יודאס...

צו איר שטוינונג האָט מאַגדאַ באַמערקט אַז דער טיפער קנייטש אויף יהושועס שטערן ווערט ביסלעכווייז פלאַכער. אַז זיין בליק האָט פאַרלוירן די פריערדיקע שאַרפקייט, און איז געוואָרן ענלעך צו יעזוסעס מילדן בליק וואָס אויפן הייליקן בילד אין איר קירך. געפּלעפט מיטן בייט אויף דעם פרעמדנס פנים האָט זיך אין איר עפּעס אָפּגעריסן. אַ כוואַליע פון כעס האָט פאַרגאָסן איר מוח ווי מיט קאָכיקע לאַווע — ער איז טאַקע נישט יעזוס כריסטוס. ער איז —אַ ייד!... אַ פחדן און אַן אָפּנאַרער ווי יעדער איינער פון זיי!... ער האָט אומישנע געמאַכט אַז זיין ברעם זאָל אויסזען ווי דער הייליקער קרייץ, כדי איבערצושרעקן אַן אַלטע פרוי און אַרויסשווינדלען עסן פאַר זיין זינדיקן גוף!...

די בילעריי איז געקומען נענטער. מאַגדאַ סלאַוויק האָט זיך אַוועקגעדרייט פון דעם ייד צוואַרפנדיק אים א שווערן בליק.

———

פאַרנאַכט איז אָנגעקומען מאַגדאַ סלאַוויקס זון און ער האָט געטראָפן יהושועס קערפּער ליגן אין אַ גראָבן. דער וואַלד־וועכטער האָט א בליק געטאָן אויפן טויטן מאַנס פנים און אויפגעשוידערט מיט גרויל. דער טיפער קנייטש צווישן די ברעמען איז געווען שוואַרץ פון פאַרגליווערטן בלוט און האָט אויסגעזען ווי אַ פּערפעקטער קרייץ. אין דער כאַטע האָט דער וואַלד־וועכטער געפונען זיין מוטער קניען און ביטער וויינען פאַרן הייליקן בילד פון געקרייציקטן.

אויפן טיש האָט ער געזען ליגן א זעקעלע מיט צוקער.

— מוטער, זענען דאָ געווען די דייטשן?...

מוטער, איז דאָ אימיצער געווען?...

זי האָט געשוויגן.

— מוטער!... האָט דער וואַלד־וועכטער אַ דונער געטאָן: — זאָג נישט קיין ליגן!... איך האָב אים געזען אַ טויטן!..

מאַגדאַ איז אויפגעשפּרונגען אַ פאַרציטערטע.

— דו מיינסט, האָסט אים געזען, יעזוס, אונדזער האַר?!...

— מוטער!... דער טויטער וואָס ליגט אין ריוו איז נישט געווען יעזוס. ער איז געווען אַ ייד. און — האָט ער צוגעגעבן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם — האָט ער נישט געבעטן וואַסער און ברויט?...

מיט ווילד געעפנטע אויגן און מיט צעוואָרפענע הענט האָט מאַגדאַ אַרויסגעכריפּעט: — פון וואַנען ווייסטו דאָס?...

ער האָט נישט געענטפערט. ער האָט נישט געקענט אַנטפּלעקן פאַר זיין מוטער, אַז „וואַסער און ברויט" איז געווען דער געהיימער פּאַראָל צווישן א גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער און דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון רעזיסטאַנט צו וועלכער דער וואַלד־וועכטער איז געווען אָנגעשלאָסן. נאָכמער צוליב דעם, וואָס אין דער גרופּע פון פּאַרטיזאַנער האָט זיך געפונען חוה סעגאַל, זיין שול־חברטע מיט וועלכער ער האָט צוזאַמען געלייענט מיצקעוויטשעס „פּאַן טאַדעאוש", אַז חוה און ער וועלן זיין מאַן און ווייב, ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

אָנשטאָט צו ענטפערן דער מוטער האָט ער גענומען דאָס זעקעלע צוקער פון טיש און האַלטנדיק עס הויך האָט ער געזאָגט:

— מוטער, דער צוקער איז אויסגעווייקט אין מענטשלעך בלוט, און קיינער טאָר עס נישט נוצן!

ווי אַ טיגער איז מאַגדאַ צוגעשפּרונגען צום זון און אַרויסגעכאַפּט פון אים דאָס זעקעלע. וויינענדיק האָט זי געשריגן: — דו וועסט עס נישט אַרויסוואַרפן!...

איך האָב אים געגעבן ברויט, און עס איז מיין!... דו אַליין, האָט זי וויכער צוגעגעבן, האָסט נאָרוואָס געזאָגט אַז „ס'איז נישט געווען יעזוס — נאָר אַ זשיד"... דער וואַלד־וועכטער האָט געקוקט אויף זיין מוטער מיט אויגן פאַרצויגענע מיט אַ נעפּל פון טרויער.

— אַ זשיד... האָט ער אַרויסגעזייט דורך די ציין... אַ זשיד... יעזוס איז אויך געווען אַ זשיד — און דו — האָט ער אויפגעהויבן די שטים — ביסט אַ יודאָס!.. דערצו, אַ ביליגער יודאָס!... נישט פאַר דרייסיק זילבערשטיק האָסטו פאַרקויפט דיין נשמה — נאָר פאַר אַ מיזערנעם ביסל צוקער!..

מאַגדאַ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און דאָס זעקעלע איז אַרויסגעפאַלן פון אירע ציטערנדיקע הענט. דער צוקער האָט זיך צעשאָטן איבערן דיל און איר רויט קאָפּ־טיכל האָט זיך געטונקלט אויפן דיל ווי בלוט אויף שניי.

———

וואָס זי האָט געבראַכט פון דער כאַטע. דאַקעגן האָט ער מיטן וואַסער באַנעצט די הענט און געזאָגט עפּעס שטילערהייט באַוועגנדיק בלויז די ליפּן. עס איז צוריקגעקומען צו איר וואָס דער מענטש האָט געזאָגט: — איך בין נישט יעזוס...

זי האָט געקוקט אויף אים אין אַ געשפּאַנטער צעמישעניש. ער איז געווען הייך, מיט לאַנגע האָר ביז די אַקסל. די אויגן האָבן געגליט מיט אַ מאָדנעם פייערל, שווער צו באַצייכענען די סיבה־הונגער אָדער שרעק. אַ טיפער ווערטיקאַלער קנייטש צווישן די דיקע ברעמען האָט אים צוגעגעבן אַן אויסדרוק נישט צו פאַרגעסן; דער קנייטש האָט מיט דער גלייכער שפּיציקער נאָז געשאַפן דעם אימאַזש פון אַ פּערפעקטן קרייץ. מאַגדאַ איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטע. איז ער נישט יעזוס?... איז ער, ווי ער זאָגט, אַ ייד?... אפשר אַ פּאַרטיזאַנער?!... זי האָט מיטאַמאָל דערשפּירט אַז ס׳כאַפּט איר אָן אַ פּחד. זי האָט זיך געזען אַריינגעכאַפּט צווישן די דייטשן און די יידישע פּאַרטיזאַנער. נעכטן האָט זי פון איר זון, דעם וואַלד־וועכטער געהערט, אַז ס׳איז שטרענג פאַרבאָטן צו פאַרקויפן עסן צו אַ ייד, אָדער אים אויסבאַהאַלטן — און זי, דער נאַר, האָט אים געגעבן ברויט... זי האָט אויך געהערט, אַז פאַר יעדן ייד אַרויסגעגעבן צו די דייטשן, וועט דער צוטראָגער באַקומען אַלס באַלוינונג — אַ קילאָ צוקער... און אַז פאַר נישט אויספירן די פאַראָרדענונג — וועט די שטראָף זיין — טויט...

זי האָט מיט קנאַכיקע פינגער אַ פיר געטאָן איבערן פּנים, אַ פּאַטש געטאָן זיך איבער די היפטן. וואָס האָט זי געטאָן?!...

איז ער, ווי ער זאָגט — אַ ייד — טאָ פאַרוואָס דער צייכן פון הייליקן קרייץ אויף זיין שטערן?... אַ צעטומלטע האָט מאַגדאַ גענומען שטעלן אים קשיות. פונוואַנען שטאַמט ער?... איז ער — אַ ייד?... פאַרוואָס איז ער נישט מיט די פּאַרטיזאַנער?... זיי זענען דאָך ווי מוראַשקעס אין וואַלד...

יהושע האָט שוין געוווּסט „וועגן אַ קילאָ צוקער פאַר יעדן ייד״, און ער האָט זיך באַמיט נישט אויפצורייצן די צעשראָקענע אַלטע פרוי.

— איך בין אַ סטאָליאַר...

— ווייז דיינע הענט...

ער זאָגט ליגן... דיינע הענט זענען אַזוי דעליקאַט ווי פון אַ פרוי וועלכע האָט קיינמאָל נישט געטאָן קיין שווערע אַרבעט...

— פאַרוואָס גייסטו נישט אין וואַלד?... דאָרט וואָלסטו נישט געהונגערט...

— גאָט האָט באַפוילן „לא תרצח״! — און איך וויל נישט באַפלעקן מיינע הענט מיט בלוט!

די וויזיע פון יעזוסן געזען אין חלום איז צוריקגעקומען צו מאַגדאַן. איבערצלמדיק זיך אין זכרון פאַר איר דרייסטקייט וועלכע זי האָט נישט געקאָנט צוימען, איז זי צוגעשטאַנען.

— פאַרוואָס?... די דייטשן זענען דאָך קריסטן — און די הרגענען! — איז עס קעגן גאָטס ווילן?...

אַ ביטערן שמייכל האָט אויסגעקרימט יהושעס פּנים.

— איך וואָלט נישט געוואָלט זיין אין זייער הויט אין טאָג פון גרויסן יום הדין. זיי זענען אויסגעוויילט, צוליב אַ סיבה וואָס איך ווייס נישט, צו זיין די רוצחים. עס איז נישט די ערשטע אכזריות אין אונדזער וועלט. ס׳איז אַלעמאָל געווען אַזוי...

— דאָס איז אמת — איז מאַגדאַ מסכים געווען מיט אַ שאָקל פון קאָפּ, און איז שטיל געבליבן. נאָך אַ רגע פון טראַכטן, האָט אַ בייז פייערל זיך באַוויזן אין אירע פאַרזשמורעטע אויגן — האָבן דען די יידן נישט געהרגעט אונדזער האַר, יעזוס — האַ?... געפרעגט, און קוקנדיק מיט שרעק אויף דעם מאַנס קאָפּ, איבערגעצלמט זיך אין זכרון.

— איך בין נישט יעזוס... איך בין אַ ייד, און איך לויף פון די דייטשן כדי צו ראַטעווען זיך פון טויט.

---

אַ שלווהדיקע שטילקייט האָט באַהערשט דעם וואַלד. דער טוי איז געוואָרן אויסגעטריקנט פון דער זון, און דער נעפּל צעטריבן פון אַ לייכט ווינטל וואָס האָט קוים־קוים געוויגט די ביימער קרוינען. יהושע איז געזעסן אויף אַן אָפּגעשניטענעם בוים, מאַגדאַ אויף אַ קלאָץ צו האַקן האָלץ. די שטילקייט האָט אויך באַהערשט די צוויי מענטשן און זיי זענען געווען פאַרטאָן אין מחשבות. די באַשולדיקונג וועגן יעזוסעס טויט האָט אויפגעוועקט אין יהושען די צייט ווען ער האָט געלערנט אויף רבנות אין אַ ווילנער ישיבה. דאָרט האָט ער אין די נעכט געזוכט אין נייעם טעסטאַמענט אַ באַשטעטיקונג פאַרן גלויבן אין איין אומצעטיילבאַרן, אַלמעכטיקן און אַלערהעכסטן ייש, אַזוי מעכטיק אונטערגעשטראָכן אין די אַלטע שריפטן. ער געדענקט: איינמאָל, פאַרבייגייענדיק די ווילנער קאַטעדראַל האָט ער געכאַפּט אַ בליק אינעווייניק. עס האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן די פיגור פון כריסטוסן אויף אַ גרויסן קרייץ, און איבער זיין קאָפּ אַן אויפשריפט אין גאָלדענע העברעאישע אותיות: „ישו הנוצרי מלך יהודה״.

דער יונגער ישיבה בחור האָט געוווּסט וועגן דער ראָלע וואָס יעזוסעס נאָכפאָלגערס האָבן אים צוגעשריבן, און יהושע איז דאָן געקומען צום אויספיר, אַז דער זעלבסט געקרוינטער „גאָטס זון״ האָט פאַרויסגעזען, און באַשטימט זיין טויט מיטן דערקלערן זיך אַלס „דער זון פון גאָט, און אויך אַלס „דער מלך פון יהודה״. די יידן האָבן אים נישט געקאָנט אָנערקענען, ווייל זיי האָבן אין אים געזען אַ גאָט־לעסטערער; און עס איז געווען קעגן די רוימישע אינטערעסן צו אָנערקענען אים אַלס „מלך פון יהודה״.

דער שטילער געפּעכט צווישן די צוויי מענטשן, קינדער פון דעם זעלביקן לאַנד, וואָלט געקענט אָנגיין אָן אַ סוף. דער אָפּשטאַנד צווישן בידע צוליב זייער דערציאונג און אינטעלעקט איז געווען צו ברייט צו קענען פאַרוואַרפן אַ בריק פון פאַרשטענדיקונג. אין יאָר 1943 איז מאַגדאַס איינשטעלונג „ווער האָט געטויט יעזוסן״ געבליבן אָן אַ

לאַנגע דורות און וואָס פּאַר אַ קולטור־אוצרות זיי האָבן געשאַפן און איבערגעלאָזט נאָך זיך.

## דער שקר פון אָפּלייקענען דעם „האָלאָקאָסט"

דאָ האָבן מיר שוין צו טאָן מיט דער ביזווילִיקער פּראָפּאַגאַנדע פון די נעאָ־נאַציס, דייטשע און נישט־דייטשע. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט „נישט וויסן" פון דעם דורכשניטלעכן דייטש וועגן יידישן אומקום. ערשטנס, האָט מען אין די דייטשע שולן געלערנט געשיכטע נאָר ביזן אָנהויב פון דער מלחמה 1939־1945. אויב מען האָט אין אַ טייל שולן יאָ דערמאָנט די צווייטע וועלט־מלחמה, האָט מען דעם יידישן אומקום דערמאָנט בלויז מיט אַ פּאָר שורות, אָדער בכלל נישט דערמאָנט. דער עלטערער דור דייטשן, די מיטצייטלער פון היטלערן און די נאַציס, האָבן בדרך כלל „נישט באַמערקט", אַז זייערע יידישע שכנים זענען פאַרשוווּנדן... עריק פראָם האָט דעם דאָזיקן פענאָמען אָנגערופן אַן „אויסגעקליבן מאַכן זיך נישט וויסנדיק", דאָס איז אָנגעגאַנגען לאַנגע יאָרן נאָך דער מלחמה, ביז צו דעם אייכמאַן־פּראָצעס און ביז עס איז אַרויסגעקומען אין אַלע קולטור־שפּראַכן „דאָס טאָגבוך פון אַננאַ פראַנק", סיי אין בוך־פאָרם, סיי אַלס דראַמע און פילם.

אָט דאָס „נישט־וויסן" איז אין די לעצטע יאָרן מגולגל געוואָרן אין טאָטאַלער אָפּלייקענונג, וואָס האָט געקאָנט אָפּעלירן נאָר צו מענטשן, וואָס זענען נאָך געווען קליינע קינדער בימי־היטלער, אָדער זענען געבוירן שוין נאָך היטלערן, די יונגע דייטשע גענעראַציע איז בכלל געווען זייער נייגעריק זיך צו דערוויסן מער פּינקטלעך, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די יאָרן בשעת היטלער און זיינע באַנדעס זענען געווען ביי דער מאַכט. און דער אינטערעס צו היטלערן האָט זיך אין דייטשלאַנד אויפגעוועקט כמעט איבערנאַכט מיט אַ שטאַרקן שטראָם.

דאָ האָבן די נעאָ־נאַציס דערשפּירט דעם מאָמענט, ווען די קאָנען אַרויסקומען אין דער עפנטלעכקייט מיט זייער „סחורה".

★

דער אַמעריקאַנער אַנטיסעמיט אַרטור בוטשאַף, וואָס איז פון פאַך אַן עלעקטרישער אינזשיניער, האָט אָנגעשריבן אַ בוך, אין וועלכן ער „באַווייזט", אַז די פאַרטיליקונג פון זעקס מיליאָן יידן דורך די נאַציס איז בכלל קיינמאָל נישט פאָרגעקומען... עס איז אַן אינטערעסאַנטע מעשׂה... דאָס האָבן די ציוניסטן אויסגעטראַכט אַזאַ אָפּנאַרעריי („האָאַקס"), כדי צו געווינען סימפּאַטיעס ביי די פעלקער פון דער וועלט, וועלכע וועלן זיי אַזוי אַרום העלפן שאַפן אַ יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע... די נעאָ־נאַציס האָבן אויפגעכאַפּט דאָס דאָזיקע ווערק, זיי האָבן עס איבערגעזעצט אויף דייטש און פאַרשפּרייטן עס אין דייטשלאַנד. אין אַמעריקע האָבן זיי געשאַפן דעם „זשורנאַל פון היסטאָרישן רעוויזיאָניזם". געגנבעט די ליסטע פון אַבאָנענטן פון „זשורנאַל פון מאָדערנער היסטאָריע" און צעשיקט זייערע ליגנערישע מאַכערייקעס צו זייערע אַבאָנענטן.

י. מ. לעווין

# וואַסער און ברויט

(דערציילונג)

אין דעם פרימאָרגן נעפּל פון אַ פרילינג־טאָג, אין יאָר 1943 האָט מאַגדאַ סלאַוויק געזען יעזוסן. זעאונגען פון יעזוסן, אָדער פון דער הייליקער מוטער זענען נישט געווען קיין זעלטנקייט אין פּוילן, אַ לאַנד ווו די מערהייט פון פאָלק איז געווען טיף גלויביק און געטריי צו דער קירך. אין אָנהויב פון זיבעציקן יאָרהונדערט איז אין קלויסטער פון דער יאַסנאַ־גוראַ געשען אַ נס: די מאַדאָננאַ האָט געוויינט מיט טרערן. פרומע קאַטאָליקן, מייסטנס פּויערים און פּויערטעס, זענען געקומען קיין טשענסטאָכאָוו פון ווייטע, אָפּגעלעגענע דערפער קריכנדיק אויף די קני דעם וועג וואָס פירט אַרויף צום קאָשטשיאָל, כדי מיט די אייגענע אויגן זען דעם „נס פון טרערן".

אין דעם זעלבן טאָג ווען מאַגדאַ סלאַוויק האָט געזען יעזוסן, איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. מאַגדאַ האָט נישט געהערט דעם אָפּהילך פון די שאָסן, זי האָט אַפילו וועגן דעם נישט געוווּסט. אַ וואָך פאַר פּאַסכאַ האָט זי געהערט דעם „פּרעדיקט פון יעזוסעס תחית המתים". אַ נאַכט פריער האָט זי געהאַט אַ מאָדנעם חלום: זי האָט געזען: מען נעמט אַרונטער יעזוסן פון קרייץ...

די טראָפּנס פרימאָרגן־טוי האָבן נאָך געפינקלט ווי דימענטלעך אויפן גראָז און די קוסטעס; דער נעפּל האָט נאָך געטוליעט זיך צו דער ערד און האָט אויסגעזען ווי אַ סטאַדע ווייסע שעפּעלעך, ווען מאַגדאַ האָט באַמערקט אַ מענטש אַרויסקומען פון דער געדיכטעניש פון וואַלד צו דער פּאַלאַנע ווו איר כאַטע איז געשטאַנען. דעם מאַנס פיס זענען געווען אַרומגענומען מיטן דיקן ווייס־גרויען נעפּל, און ס'האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז דער מענטש שוועבט אין דער לופטן.

אין דער ערשטער רגע האָט מאַגדאַ געוואָלט אַ געשריי טאָן: — אָוועק!... מיר האָבן געהאַט גענוג צרות מיט אייערע... נאָר די שטים איז איר געבליבן שטעקן אין האַלדז. פּאַמעלעך האָט זי זיך אַרונטערגעלאָזן אויף די קני, און מאַכנדיק אַ קרייץ אין דער לופטן און איבער זיך, האָט זי אַרויסגעשטאַמלט:

— גרויסער גאָט!... דאָס איז דאָך יעזוס, אונדזער האַר!...

— איך בין נישט יעזוס — האָט דער מאַן געזאָגט אין אַ רואיקן טאָן. איך בין יהושע, אַ ייד... אַ ביסל וואַסער און אַ שטיקל ברויט איז אַלץ וואָס איך בעט... גאָט וועט אייך דערפאַר באַלוינען...

מאַגדאַ האָט געשטוינט. די שטים פון דעם מאַן איז געווען פריי פון איר גוט באַקאַנטע יידישע טיפּע האַלדזטענער. ער האָט אויך אַרויסגעבראָנגט די רייד אין אַ פּערפעקטן פּויליש... איר פאַרוווּנדערונג איז געוואָרן גרעסער ווען דער מאַן האָט נישט איבערגעקרייצט דאָס ברויט,

# דרײַ שטאַפּלען אין דער פעלשונג פון דער חורבן־געשיכטע

ד״ר יצחק קאַנטער

## דער אָנהייב פון דער פעלשונג
## (סאָוויעטישער נוסח)

בשעת די צווייטע וועלט־מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען אין פּוילן ברען און די „רויטע אַרמיי" האָט זיך אַרײַנגעריסן אויף דער דײַטשער טעריטאָריע, האָט דער סאָוויעטישער נוסח אין די באַריכטן וועגן פאַרטיליקונג פון אַלע ייִדן אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע פּלוצלונג אָנגענומען אַ גאַנץ נײַע ריכטונג. דעם סיגנאַל האָט געגעבן ג. פ. אַלעקסאַנדראָוו, דער דעמאָלטדיקער שעף פון דעם צענטראַלן סאָוויעטישן פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסאַריאַט. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַן „אָפענעם בריוו" צו איליאַ ערענבורג, וועלכער האָט זיך אין זײַנע רעפּאָרטאַזשן אַ סך און זייער אָפט אָפּגעשטעלט אויף די דײַטשע אכזריותן קעגן די ייִדן און האָט אָנגעוויזן אויף זייער פּאָליטיק פון טאָטאַלער פאַרטיליקונג פון ייִדישן פאָלק. אַלעקסאַנדראָוו האָט פאַרלאַנגט, אַז ערענבורג זאָל אָפּשטעלן זײַנע אַטאַקעס קעגן דײַטשן פאָלק אין דער „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" (אָרגאַן פון דער רויטער אַרמיי). ער האָט אויך אָנגעוויזן, אַז דער טאָן מוז זײַן אַ גאַנץ אַנדערער, ווײַל די מלחמה פירט זיך שוין אויף דער דײַטשער טעריטאָריע און אויך, אַז די קרבנות פון די נאַציס זענען געווען נישט נאָר ייִדן, נאָר סאָוויעטישע בירגער בכלל און דעריבער באַדאַרף מען רעדן וועגן „סאָוויעטישע בירגער־קרבנות פון די נאַציס"...

דאָס איז געווען דער ערשטער סיגנאַל פאַר דער גאַנצער סאָוויעטישער פּרעסע אומעטום זיך אָפּצושטעלן נישט ספּעציעל אויף ייִדישע קרבנות, נאָר אויף „סאָוויעטישע בירגער — קרבנות פון די נאַציס". אין אַט דעם טערמינאָלאָגישן שקר איז שוין פאַרדייט געוואָרן דער זכּרון פון די אַלע ווייטערדיקע שקרים וועגן ייִדישן אומקום, וואָס די סאָוויעטן האָבן אויסגעאַרבעט דורך אַלע יאָרן פון דעמאָלט ביז צום הײַנטיקן טאָג. אַט דער טערמין דאַרף זיך אויך באַציִען צו די פּוילישע ייִדן, און אַלע אַנדערע ייִדן, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די דײַטשע טויט־לאַגערן... איי, אַט די אַלע קרבנות זענען קיינמאָל נישט געווען קיין סאָוויעטישע בירגער? דער ציל איז נישט צו דערלויבן אָפּצוזונדערן די ייִדן, וואָס זענען אומגעקומען לויט היטלערס פּלאַן צוליב דעם איין־און־איינציקן חטא — דער חטא, וואָס זיי זענען געווען ייִדן...

און לויט דער סאָוויעטישער טראַדיציע, באַרעכטיקט דער ציל אַלע מעטאָדן און שקרים אַפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ פאָלק, וואָס איז אויסגעהרגעט געוואָרן דורך אַ שונא, וואָס איז דאָך געווען אויך זייער שונא.

## דער שקר פון פאַלשע אַנאַלאָגיעס
## (פּסיכאָלאָגישער צוגאַנג)

אַ גרופּע פון אַמעריקאַנער פּסיכיאַטאָרן זענען זיך צוזאַמענגעקומען מיט אַ 13 יאָר צוריק אויף אַ „וואָרקשאָפּ", וואָס איז געווען ספּעציעל געווידמעט דער פּסיכאָלאָגיע פון די גרעסטעטעסטע פון היטלערס טויט־לאַגערן. זיי האָבן כמעט אַלע אָנגעווענדן דעם פּסיכאָ־אַנאַליטישן מעטאָד. אַז דאָס איז אַ דורכאויס פאַלשער צוגאַנג, איז אַ זאַך פאַר זיך. און נישט דאָס בין איך איצט אויסן, צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען פּראָפ. ראָבערט ליפטאָן, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זײַנע ביכער וועגן היראָשימאַ און וועגן דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון די, וואָס האָבן באַוויזן אַרויסצוקומען לעבעדיק נאָך דעם באָמבאַרדירן. ער איז געקומען מיט דעם אײַנפאַל, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון די גרעסטעטעסטע פון היטלערס לאַגערן איז זייער ענלעך צו דער פּסיכאָלאָגיע פון די יאַפּאַנער, וואָס האָבן איבערגעלעבט היראָשימאַ...

איך וויל זיך דאָ באַוואָרענען, אַז די דאָזיקע גרופּע פון פּסיכיאַטאָרן זענען כמעט אַלע געווען ייִדן, ד. ה. זין פון ייִדישע עלטערן, וואָס אַליין האָבן זיי פון ייִדישער געשיכטע, ייִדישער קולטור און טראַדיציע כמעט גאָרנישט געוווּסט. זייערע כוונות זענען געווען גוטע און זייער איבּציקע זינד איז געווען אומוויסנקייט. אַזוי אַרום האָט זיך זיי געדאַכט, אַז מען קאָן אַרויסרײַסן די געשעענישן פון דריטן חורבן פון גאַנצן קאָנטעקסט פון ייִדישער געשיכטע, זיי האָבן, ווײַזט אויס, אַפילו נישט געקענט די גאַנצע געשיכטע פון „האָלאָקאָסט" גופא, וואָס עס איז געווען קודם און וואָס — שפּעטער... לויט זיי, איז היראָשימאַ אַן אומגליק, וואָס איז באַפאַלן די אומשולדיקע יאַפּאַנער, פּונקט אַזוי ווי דער „האָלאָקאָסט" איז באַפאַלן די ייִדן...

אין די לעצטע צען יאָר, ווען עס זענען אויפגעקומען אפשר מער ווי הונדערט קורסן, וואָס מען גיט אין די אוניווערסיטעטן וועגן „האָלאָקאָסט" איבער גאַנץ אַמעריקע, הערט מען מער נישט נאָר וועגן היראָשימאַ...

אָבער וועגן די דאָזיקע קורסן אַליין און וועגן זייער נוצלעכקייט, אויב זיי באַשרענקען זיך בלויז אויף די פאַקטן פון ייִדישן אומקום, איז כדאי זיך אָפּצושטעלן צוליב פאַרשידענע טעמים.

עס האַנדלט זיך דאָ דערין, אַז די יונגע ייִדישע סטודענטן, וואָס נעמען אַט די קורסן, ווייסן — אין זייער גרויסער מערהייט — זייער ווייניק וועגן דער גרויסער קולטור־ירושה, וואָס איז כמעט ווי אונטערגעגאַנגען, צוזאַמען מיט די קרבנות פון די נאַציס. איז דאָ אַ מעגלעכקייט, אַז ביי אַ טייל פון אַט די יונגע ייִדישע קינדער, וואָס זענען סטודענטן נאָר פון די האָלאָקאָסט־קורסן, זאָל זיך שאַפן דער אײַנדרוק, אַז דאָס איז די געשיכטע פון די מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן און מער גאָרנישט... זיי וועלן אַזוי אַרום ווייסן כמעט נאָר ווי אַזוי און מיט וואָס פאַר אַ מיתות משונות עס זענען אומגעקומען אַט די ייִדן, אָבער זייער ווייניק, ווי אַזוי אַט די ייִדן האָבן געלעבט דורך

הענריק גרינבערג

# צואייגענען דעם חורבן

הענריק גרינבערג — פאעט, עסייאיסט און נאוועליסט האט פארלאזן פוילן אין יאר 1967, און לעבט אין די פאראייניקטע שטאטן. מיר ברענגען דא א קורצן אויסצוג פון דעם ארטיקל, וואס איז פארעפנטלעכט געווארן אין זשורנאל „קאמענטארי" פון נאוועמבער 1982. „צואייגענען דעם חורבן".

ווען דער פויפסט, דזשאן פאול דער צווייטער האט געמאכט זיין פייערלעכן באזוך אין אוישוויץ, אין יאר 1979, האט ער אנגעציילט ארום צוואנציק שפראכן, אין וועלכע די אנדענק־טאוולען זענען פאראייביקט געווארן. ער האט באצייכנט די אויפשריפטן אויף די דאזיקע אנדענק־טאוולען, ווי: „די שפראכן פון די קרבנות פון דער גאלגאטע", און פארגעזעצט זיין באמערקונג, אז די אנדענק־טאוולען „זענען עדות אויף די פארלוסטן וועלכע פעלקער האבן געליטן". פאקטיש אבער זאגן די אנדענק־טאוולען עדות וועגן די פארשידענע שפראכן וועלכע ס'האבן גערעדט די קרבנות, וועלכע האבן אין זייער איבערוויגנדיקער מערהייט געהערט צו איין נאציאנאליטעט — יידן.

דער פויפסט אליין האט גענומען צו קענטעניש די יידן, ווי א נאציאנאליטעט, ווען ער האט געזאגט — שטייענדיק ביים אנדענק־טאוול אין העברעיש: „דער אויפשריפט פאראייביקט די זין און טעכטער פון א פאלק, וואס זיין גורל איז געווען טאטאלע פארניכטונג".

ער האט עס באשטעטיקט א צווייטן מאל, ווען ער האט געזאגט: „דער שורש פון דאזיקן פאלק פירט צוריק צו אברהמען, וועלכער איז געווען דער פאטער פון אונדזער גלויבן".

צום סוף האט ער א דריטן מאל באצייכנט די יידן אלס פאלק, ווען ער האט געזאגט: „דאס פאלק וואס האט באקומען פון גאט דעם געבאט: „זאלסט נישט הרגענען" האט דערפארן א באשטימטע אויסמעסטונג פון הריגה".

ווען ער איז אבער געשטאנען פארן פוילישן אנדענק־טאוול, האט דער פויפסט געזאגט: „זעקס מיליאן פאלאקן זענען אומגעקומען אין דעם לעצטן קריג. איין פינפטל פון א פאלק".

כאטש עס איז זיכער, אז די דריי מיליאן פוילישע יידן, וועלכע די נאציס האבן פארניכטעט זענען א פארלוסט פארן פוילישן פאלק, פארלאנגט אבער פשוטע ערלעכקייט פון אונדז, מיר זאלן געדענקען, אז די מערהייט פון פוילישן פאלק האבן זיי נישט באטראכט ווי א טייל פון פוילישן פאלק — ווען זיי האבן געלעבט, אדער ווען זיי זענען געשטארבן זייער יידישן טויט...

# „קדימה"־עקזעקוטיוו

דער נייער „קדימה"־קאמיטעט איז אויסגעקליבן געווארן אויף דער 71־טער יערלעכער אלגעמיינער פארמיטואך, דעם 23־טן מערץ ה"י איז פארגעקומען זאמלונג.

די קאנסטיטואירונג פון דעם עקזעקוטיוו. עס זענען אויסגעוויילט געווארן די פריינד:

פרעזידענט — יאשא שער; וויצע־פרעזידענטן: וו. יאבלאנסקי און א. אפעלאוויטש; ערן־סעקרעטאר — מ. אייזענבוד; ערן־קאסיר — י. ווינקלער; פארטרעטערין פון ערן־קאסיר — הדסה ראזענבוים; פארזיצער פון דער קולטור־קאמיסיע — הערשל באכראך; פארזיצער פון דער ביבליאטעק־קאמיסיע — באנא וויינער; ווירטשאפטס־קאמיסיע — ראכעלקע לעוויטא; רעדאקציע־קאמיסיע — מ. אייזענבוד; רעוויזיאנס־קאמיסיע — ב. וויסמאן; יוגנט־קאמיסיע — א. דאפנער; פארשטייער צום „באארד": מ. ראבינאוויטש, א. אפעלאוויטש און סענדער בורשטין. פארטרעטער: ליובא גאטליב און הערשל באכראך; אדמיניסטראציע פון די „מעלבורנער בעטער": וו. יאבלאנסקי, ח. שטייער און מאיר בורשטין.


## „קדימה"־ביבליאטעק

די „קדימה" - ביבליאטעק פארמאגט
די נייעסטע יידישע ביכער
און די
נייעסטע ענגלישע ביכער
וועגן יידישע פראבלעמען

אין לייען־זאל — צייטונגען
און זשורנאלן פון דער גאנצער וועלט


געווער פארן געטא, וועלכער האט זיך געגרייט צו ארגאניזירן אין דער נאענטער צייט אן אויפשטאנד. נישט אלע דעלעגאטן זענען געווען דערפאר. א סך זענען געווען קעגן. טייל דעלעגאטן האבן געהאלטן אז מען דארף אויף דעם האבן די צושטימונג פון קאמינטערן.

דעם 28־טן סעפטעמבער 1942 בין איך ארעסטירט געווארן מיט א טייל דעלעגאטן פון דער פ.פ.ר. די ארעסטירטע זענען געווארן געפארשט און געפייניקט פון דער געסטאפא. נאך זיבן וואכן פארברענגען אין דער פאוויאק־תפיסה בין איך ארויסגעשיקט געווארן קיין אוישוויץ און פון דארטן קיין בוכענוואלד.

דעם 11־טן אפריל 1945 בין איך באפרייט געווארן דורך דער אמעריקאנער ארמיי.

טיקייט אין אַ געטאָ, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער און אַ דרייפאַכיקן פּאָליציי־קאָרדאָן.

דער וואַרשעווער געטאָ וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ קליינעם געטאָ־פאַרבונדן מיט אַ הילצערנער בריק איבער כלאָדנע גאַס, האָט געהאַט אין אירע מויערן 600 טויזנט ייִדן, וועלכע האָבן זיך איבער אַנדערהאַלבן יאָר געפּייניקט אין דעם גרויסן קאָנצענטראַציע לאַגער. מיט זיכערקייט קאָן געזאָגט, ווערן אַז קיין פאָלק אין דער וועלט וואָלט ניט געווען אין שטאַנד איבערצולעבן אַזוי פיל טראַגישע מאָמענטן און צופּאַסן זיך צו אַזעלכע באַדינגונגען. די פּלענער פון די נאַציס זענען געווען: אַריינשטופּן אין די געטאָס די ייִדישע באַפעלקערונג און אויסהונגערן זי. דער אורטייל האָט זיך נישט איינגעגעבן. דאַן איז געקומען דער אורטייל אויסמאָרדן די ייִדן אין די גאַז קאַמערן — דאָס איז געווען דער אורטייל וועלכן די נאַציס האָבן אַרויסגעגעבן קעגן ייִדישן פאָלק אין וואַנזע ביי בערלין, אין אַפּריל 1942.

די פאַראָרדענונג צו ליקווידירן דעם ייִדישן קוואַרטאַל אין וואַרשע איז געקומען אין גאַנצן אומגעריכט, ווייל אין דער צייט האָבן די ייִדן אין געטאָ פּראָדוצירט פיל וויכטיקע מאַטעריאַלן פאַרן פראָנט. צענדליקער טויזנטער ייִדן האָבן געאַרבעט אין די שאָפּן און וואַרשטאַטן ווי שקלאַפן אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען.

אין יולי 1942 האָבן זיך באַוויזן אויף די ווענט פון געטאָ פּלאַקאַטן וועלכע האָבן גערופן די ייִדן צו שטעלן זיך אויפן אומשלאַג־פּלאַץ, מיט דער באַמערקונג, אַז עס וועט פאָרקומען אַ גרויסע איבערזידלונג פון ייִדן קיין מזרח. די ערשטע קרבנות זענען געווען עלטערע מענטשן און קינדער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די עלטערן היימען און שפּיטעלער. די ייִדישע פּאָליציי צוזאַמען מיט די באַאַמטע פון יודען־ראַט האָבן אויסגעפירט דאָס שענדלעכע שטיקל אַרבעט. גלייכצייטיק האָבן די געפאַנגען אַלע אַרעמע־לייט וועלכע האָבן זיך געפונען אויף די גאַסן פון געטאָ. דאָס איבערפירן די קרבנות צום אומשלאַג פּלאַץ איז פאָרגעקומען אין די געטאָ־טראַמווייען וועלכע האָבן געהערט צו די ייִדישע געסטאַפּאָוצעס: קאָן און העלער.

עס ווערן אויך געכאַפּט מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט אין די שאָפּן; פרויען וועלכע פירן די קינדער אין די קאָאָפּעראַטיווע שולן.

איך דאַרף אָפּגעבן אַ קאַפּל פון אַ נייע־מאַשין צו מיינע פריינד ווילנער, וועלכע האָבן געוווינט אויף אַגראַדאָווע.

איך רייס זיך אַרויס פון דער אַרומרינגלונג, און לויף צו אריה ווילנער, אָנצוזאָגן די בשורה.

אין ערשטן טאָג פון דער אויסזידלונג זענען פינף צוגן מיט צען טויזנט ייִדן אַוועקגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע. אין אָונט זענען זיך צונויפגעקומען אויף גענשע 39 פאָרשטייער פון אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס צו באַראַטן זיך וואָס צו טאָן אין דער האָפענונגסלאָזער לאַגע. דער וויטיקייענדער פּלאַן איז געווען: יונגע מענטשן רייסן זיך ביינאַכט אַרויס פון געטאָ, פאַרניכטן און צינדן אונטער די שטאָט וואַרשע און דורך פאַרשידענע אומוועגן גייען זיי אין דער ריכטונג פון די וועלדער. אין דער ערשטער רייע האָבן געזאָלט אַרויסגיין הונדערטער טויזנטער יונגע מענטשן באַוואָפנט מיט מעסערס און אייזנס — פאַרניכטענדיק גלייכצייטיק די מויערן פון געטאָ.

נישט אַלע פאָרשטייער פון די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס זענען געווען פאַר דעם פּלאַן. טייל האָבן געהאַלטן, אַז דער נאַציזם וועט נישט פאַרניכטן אַלע ייִדן, און ספּעציעל די אַרבעטער וועלכע אַרבעטן אין די שאָפּן. דער פּלאַן איז אַדורכגעפאַלן. עס ווערט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג אין געטאָ אין וועלכן מען רופט די ייִדן נישט צו גיין פרייוויליק צום אומשלאַג־פּלאַץ. פיל ייִדן שטעלן זיך אַקעגן דער דעפּאָרטאַציע. די ייִדישע פּאָליציי און די באַאַמטע פון יודן־ראַט ווערן פאַרטריבן און אין פיל פאַלן — צעשלאָגן. אויף עטלעכע טעג ווערט די דעפּאָרטאַציע אָפּגעשטעלט.

דאַן באַווייזן זיך דייטשע איינהייטן מיט זייערע מיטהעלפער, אוקראַינער, ליטווינער, לאַטישן וועלכע שלעפּן מיט דער גרעסטער ברוטאַלקייט אַרויס די ייִדן פון זייערע באַהעלטענישן און פירן די צום אומשלאַג־פּלאַץ, און פון דאָרטן קיין טרעבלינקע.

אין פאַרלויף פון איין חודש איז די געלונגען אַרויסצופירן דריי הונדערט טויזנט ייִדן צום פאַרניכטן.

גאַנץ אומגעריכט קומט אַן איבעררייס אין דער דעפּאָרטאַציע.

דער אונטערערדישער געטאָ קאָמיטעט באַשליסט צו אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד. צו דעם צוועק ווערן אַרויסגעשיקט יונגע ייִדישע מענער און פרויען איינצוקויפן געווער; ווי אויך אונטערהאַנדלען מיט פּוילישע אָרגאַניזאַציעס וועגן אַ געמיינזאַמען אַרויסטריט קעגן די נאַציס.

דער פּלאַן וועגן אַ געמיינזאַמען אַרויסטריט קעגן נאַציזם ווערט אָפּגעוואָרפן. דאָס געבן געווער פאַרן געטאָ, ווערט אויך אָפּגעוואָרפן.

דאָס איינקויפן געווער אויף דער אַרישער זייט איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סומעס געלט. ייִדישע הייזאייגנטימער זענען געווען די וועלכע האָבן געגעבן גרויסע סומעס געלט פאַר דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. דאָס געלט איז געשאַפן געוואָרן דורך פאַרקויפן ייִדישע הייזער צו פּאָלאַקן.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע זענען פיל פּאָלאַקן רייך געוואָרן פון האַנדל און שמוגלען. די האָבן אָפּגעקויפט ייִדיש אייגנטום פאַר נישטיקע סומעס געלט. די קאָנטראַקטן האָבן אַדורכגעפירט פּוילישע נאָטאַרן. אַזוי אַרום זענען פאַרקויפט געוואָרן אַ צאָל הייזער. אַ טייל פון דעם געלט איז געגאַנגען פאַר איינקויפן געווער און אַמוניציע. מיטן איבערפירן דאָס געווער אין געטאָ האָבן זיך פאַרנומען שמוגלער — צושטעלער פון פּראָוויאַנט און געטאָ. פיל מאָל זענען פאָרגעקומען דורכפאַלן, דערביי זענען פאַרלוירן געגאַנגען ייִדישע מענטשן און גרויסע סומעס געלט.

אין איינעם אַ טאָג אין חודש סעפּטעמבער 1942, איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער פּ.פּ.ר. אויף דעם צוזאַמענטרעף האָב איך גערעדט וועגן

א ריזיקן בית־עולם. ווייל אויפן געביט פון דער סאנאטאריע זענען פארגעקומען שווערע שלאכטן צווישן דייטשיש און פויליש מיליטער.

נאכן אפגעבן דעם באריכט וועגן דער לאגע אין מעדזעשין, האט דער „דזשוינט" וועלכער האט נאך אין דער צייט דיספאנירט מיט גרויסע סומעס געלט, באשלאסן פאר יעדן פרייז אויפבויען די סאנאטאריע.

די עקסהומאציע פון די געפאלענע פוילישע זעלנער און אפיצערן איז פארגעקומען מיט דער באטייליקונג פון רויטן־קרייץ אין וועלכע עס האבן געארבעט פאלאקן. אין איין קבר, אנשטאט א געפאלענעם, האבן מיר געפונען געווער און אמוניציע. אזעלכע קברים זענען געווען זעקס. שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן, אז פאלעניצער ייִדן, וועלכע האבן זיך פארנומען מיט קבר־זיין די געהרגעטע האבן באגראבן דאס געווער, גלויבנדיק אז אין א געהעריקן מאמענט וועט מען זיך קאנען דערמיט באנוצן. פאר אונדז איז געשטאנען די פראגע: וואס טוט מען מיטן געווער — ווער-מען עס געבן? עס איז באשלאסן געווארן דאס געווער איבערגעבן דער פ.פ.ס.

נאך זעקס וואכן שווערער ארבעט, איז ענדלעך געלונגען איינצוקווארטירן 120 קינדער און עטלעכע דערציער. עטלעכע מיטגלידער פון ראיאן־קאמיטעט פון דער פ.פ.ס. זענען געווען שטענדיקע איינגייער אין קינדער היים. דארט האבן זיי איינגעארדנט טרעפונגען פון זייערע מענטשן. די אנפירונג פון קינדער היים האבן אויפמערקזאם געמאכט דער פ.פ.ס., אז מיט זייערע אפטע טרעפונגען באדראען זיי די עקזיסטענץ פון קינדער היים און פון די קינדער. ווען דער ווארשעווער געטא קאמיטעט האט זיך געגרייט צום באוואפנטן אויפשטאנד, האב איך זיך געווענדן צו דער פ.פ.ס. אנפירונג וועגן אפגעבן א טייל געווער פארן געטא. דער ענטפער איז געווען: צו וואס דארפן ייִדן געווער? זיי האבן נישט געגלויבט, אז ייִדן זענען פעיק צו ארגאניזירן אן אויפשטאנד.

דאס אפזאגן צו געבן געווער פאר דער ייִדישער קאמפס־ארגאניזאציע האט ארויסגערופן ביי אונדז גרויס פארביטערונג. אין די טראגישע טעג פון אויגוסט 1942 האבן די נאציס אנגעהויבן ליקווידירן די ייִדישע קינדער היימען אויף דער ליניע ווארשע־אטוואצק. פאר דער אנפירונג פון דער מעדעם סאנאטאריע איז געווארן קלאר, אז די קינדער היים אין מעדזשעשין וועט אויך ווערן ליקווידירט. עס איז באשלאסן געווארן אז די עלטערע קינדער זאלן פארלאזן די קינדער־היים און אויסבאהאלטן זיך אין די ארומיקע וועלדער. צו דעם צוועק איז נייטיק געווען אביסל לייכט געווער פאר די קינדער. אויך צו דעם צוועק האט די פ.פ.ס. זיך אפגעזאגט צו געבן געווער די יוגנטלעכע, וועלכע זענען גרייט געווען טייער אפצוגעבן זייערע לעבנס.

אין א זוניקן, פרעכטיקן טאג, איז די סאנאטאריע געווארן ארומגערינגלט פון עס־עס מענער. די קינדער מיט די דערציער זענען צופוס געפירט געווארן קיין פאלעניץ. דארטן זענען די קינדער אריינגעווארפן געווארן אין וואגאנען און אפגעפירט קיין טרעבלינקע. די מעדעם סאנאטאריע איז נישט געווען די איינציקע אינסטיטוציע, וועלכע די נאציס האבן פארניכטעט. אין דעם זעלבן טאג, ווען די נאציס האבן געפירט די קינדער פון מיעדזשעשין צום טויט, איז צום אומשלאג־פלאץ ארויסגעפירט געווארן דאס קינדער היים פון יאנוש קארטשאק, וועלכעס האט זיך געפונען אויף שענגע 16.

ס'איז נישט צום גלייבן, ווי די קינדער, אין געשלאסענע רייען, מיט געזאנג זענען געגאנגען מיט זייערע לערער צום אומשלאגפלאץ אויף סטאווקע.

די קינדער זענען געווען איבערצייגט, אז זיי קלייבן זיך אויף אן אויספלוג. איך האב באוואונדערט ווי העפלעך די דייטשן האבן אויפגענומען דעם דאקטאר יאנוש קארטשאק, וועלכער איז געווען אנגעטאן אין א מונדיר פון א פוילישן פאלקאווניק. דורך א שפארונע האב איך געזען ווי די עס־עס האט העפלעך אריינגעזעצט די קינדער אין די וואגאנען.

אין די טעג פון יולי 1942 זענען אויך ליקווידירט געווארן פארצוייגטע אינסטיטוציע, וועלכע ייִדן האבן אויפגעבויט אין געטא: קעגנזייטיקע הילף.

וועגן דער קולטור געזעלשאפטלעכער טעטיקייט אין געטא ווארשע איז שוין פיל געשריבן געווארן. אבער די טעטיקייט פון די הויף קאמיטעטן מיט זייער קעגנזייטיקער הילף, איז ווייניק דערמאנט געווארן.

אין דעם הויז, וווּ איך מיט מיין פרוי און שוועסטער האבן געוואוינט אויף ניסקע 35, האט דער הויף־קאמיטעט באוויזן צו ארגאניזירן הילף פאר ארעמע און קראנקע מענטשן. א וויכטיקע ארבעט איז געטאן געווארן פאר די ייִדן, וועלכע זענען אויסגעזידלט געווארן פון די קליינע שטעטלעך ארום ווארשע. די מענטשן זענען אריינגעווארפן געווארן אין געטא ווארשע, באראבעוועט, פון אלעם. זעלטן ווער ס'האט פארמאגט א פאר זלאטעס. מיטן איינארדענען די פליטים האבן זיך פארנומען די הויף־קאמיטעטן זיי האבן באקומען וווינונגען און עסן. יעדע פאר טעג איז פארגעקומען א קולטור אונטערנעמונג. די בעסטע ארטיסטן האבן געלייענט און געזונגען פון די בעסטע ייִדישע שאפונגען. עס זענען ארגאניזירט געווארן הומאר אוונטן, וועלכע האבן אויסגעלאכט היטלערן, און צוגעגעבן מוט און האפענונג די פארפייניקטע ייִדן, און קודם — די ארויסגעטריבענע פון די שטעטלעך.

אין מאי 1942 איז געקומען קיין ווארשע א גרויסער טראנספארט דייטשע ייִדן. פיין געקליידעט מיט פול אנגעשטאפטע וואליזעס. דאס איז געווען די עליטע פון דייטשן ייִדנטום. צווישן זיי האבן זיך געפונען פראפעסארן, ארטיסטן, שרייבער און מיליטערלייט וועלכע זענען באזירטיקט געווארן פון דער דייטשער ארמיי — נאכן אויסגעפינען, אז זיי שטאמען פון ייִדן.

פיל פון די דייטשע ייִדן זענען איינקווארטירט געווארן אויף ניסקע 35. אזעלכע הייזער ווי ניסקע 35 זענען געווען אין די הונדערטער. עס איז שווער צו באנעמען ווי אין אזא טראגישער צייט האבן ייִדישע מענטשן געפירט אזא גרויס קולטור ארבעט, און ארגאניזירט אזא הילפס טע־

וו. יאַבלאָנסקי

# מיט ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ

נאָכן אונטערשרייבן דעם ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו נישט אָנגריף פּאַקט, דעם 23־טן אויגוסט 1939, האָט דאָס פּוילישע ייִדנטום דערזען, אַז איר עקזיסטענץ איז באַדראָט.

אַלע שלום־קאָנגרעסן און פּאַציפּיסטישע באַוועגונגען צוזאַמען מיט זייער פירער זענען פאַרשוווּנדן, די לאָזונגען: קאַמף קעגן פאַשיזם; קעגן מלחמה, זענען אויך שנעל פאַרשוווּנדן. ס'האָט זיך גלייך אָנגעהויבן צום ערשט — אַ שטילע מאָביליזאַציע, און עטלעכע טעג שפּעטער — אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע. מיינע חברים רעזערוויסטן ווערן גערופן צום מיליטער. אַלע זענען גרייט צו קעמפן ביזן לעצטן קעגן נאַציזם.

אין די שפּאַנענדיקע טעג הייבט זיך אָן צו מערקן אַ גרויס צערודערונג אין די מיליטערישע זאַמל־פּונקטן. ס'פעלן אויס מונדירן, געווער און פּראָוויאַנט. די מאָביליזאַציע איז אַ כאַאָטישע. מיליטערישע טראַנספּאָרטן קאָנען נישט דערגרייכן זייער ציל. די באַפעלקערונג הייבט אָן אויסקויפן שפּייז. די פירער פון די פּאָליטישע פּאַרטייען ווייסן נישט ווי אַזוי צו האַנדלען, ס'קומען נישט פאָר קיין פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס. די פּרעסע איז דעזאָריענטירט. פּלוצלונג, פרייטיק דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 הייבן אָן פאַלן באָמבעס אויף אָפענע פּוילישע שטעט.

די באַפעלקערונג איז הילפלאָז, ס'איז נישטאָ קיין פאַרטיידיקונג, דער כאַאָס איז גרויס. די צאָל קרבנות צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג איז שווער פעסטצושטעלן. דער איבערפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויף פּוילן איז געקומען אומגעריכט — אָן קריגס־נאָטעס און אָן קריגס־דערקלערונגען. אויפן דריטן טאָג פון דער מלחמה כאַפּט אַרום אַ מעכטיקער ענטוזיאַזם: די פראַנצויזן און ענגלענדער האָבן דערקלערט קריג דייטשלאַנד. הונדערטער טויזנטער מענטשן מאַניפעסטירן אין וואַרשע ביי די ענגלישע און פראַנצויזישע אַמבאַסאַדעס. עטלעכע נאַציִשע באָמבעס פאַרטרייבן שנעל די מאַניפעסטאַנטן. אויפן פינפטן טאָג פון קריג דערגרייכן דייטשע איינהייטן וואַרשע; דער פּוילישער גענעראַל־שטאַב גיט אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע מיליטער־פעאיקע מענער זאָלן פאַרלאָזן וואַרשע און גיין אין דער ריכטונג פון מזרח.

צוזאַמען מיט די מיליטער פעאיקע, פאַרלאָזן וואַרשע הונדערטער טויזנטער מענטשן. אַפילו פרויען און קינדער, אַלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס ווערן עוואַקואירט און צוזאַמען מיט זיי, די פירער פון די פּאָליטישע פּאַרטייען מיט זייער אַקטיוו. דער קלייניער מיליטערישער גאַרניזאָן איז נישט בכוח צו פאַרטיידיקן וואַרשע. דער שטאָט פּרעזידענט סטאַרזשינסקי רופט דער באַפעלקערונג צו פאַרטיידיקן וואַרשע. מיט פיל ענטוזיאַזם טרעטן צו אין דער ערשטער רייע די אַרבעטער, צו בויען פאַרפעסטיקונגען. מען רופט זיי: אַרבעטער־באַטאַליאָנען. פיל פון זיי קעמפן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס, אין די פאַרשטעט פון וואַרשע.

אין די באַטאַליאָנען טרעטן אַריין פיל ייִדישע אַרבעטער; אינטעליגענץ און שול יוגנט. ייִדישע דאָקטוירים גיבן אַ גרויסן ביישטייער אין מעדיצינישע הילף פאַר די סאָלדאַטן און ציווילער באַפעלקערונג. דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער מעדיצינישער הילף איז דאָקטאָר טעמערסאָן, ער און זיינע חברים ברענגען מעדיצינישע הילף פאַר די סאָלדאַטן, וועלכע קעמפן פאַראיינזאַמט אין דער פעסטונג מאָדלין.

אין די שלאַכטן מיטן היטלעריזם זענען געפאַלן איבער 33,000 ייִדישע סאָלדאַטן, אָפיצירן; פרייוויליקע פון די אַרבעטער באַטאַליאָנען און צווישן זיי — דער דאָקטער טעמערסאָן. דער ייִדישער אַרבעטער קלאַס קעמפט מיט דער גרעסטער אָפּפערווויליקייט קעגן נאַציזם. די פריינדשאַפט וועלכע איז געבוירן געוואָרן אויף די באַריקאַדן פון וואַרשע, איז פאַרטגעזעצט געוואָרן אין די קאַמפן פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד.

נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון פּוילנס אַרמיי זענען ייִדן די ערשטע וועלכע טראַכטן פון שאַפן אַן איינהייטלעכע ייִדישע אונטערערדישע קאַמפס אָרגאַניזאַציע. דער נאַצישער טעראָר און די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע פון די דייטשן צווינגט ייִדן צו אַנטלויפן אין די מזרח געביטן, שוין באַזעצטע דורך די סאָוויעטן. ייִדן גלויבן, אַז זיי וועלן האַרציק אויפגענומען ווערן דורך דער סאָוויעטישער אַדמיניסטראַציע. געשען איז דאָס פאַרקערטע; פיל ווערן אַרעסטירט, באַלד נאָכן אַריבערגיין די גרענעץ. פיל ווערן אויפגענומען ווי אַ פיינטלעכער עלעמענט — ספּעציעל געוועזענע טוער פון פּאָליטישע פּאַרטייען, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

די ייִדן וועלכע זענען פאַרבליבן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע געפינען זיך אין אַ טראַגישער לאַגע. דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעך, געזעלשאַפטלעך לעבן איז געוואָרן פאַרניכטעט. קרימינעלע עלעמענטן און פאָלקס־דויטשן ראַבעווען ייִדישע היימען — פאָדערנדיק אויסקויף געלט.

אין די טראַגישע טעג, טרעטן צו אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע טוער ווידער אויפצולעבן פאַרשידענע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען זיך צעפאַלן אין דער צייט פון די שלאַכטן. די ערשטע אינסטיטוציע וועלכע איז געוואָרן אויפגעבויט איז געווען די מעדעם־סאַנאַטאָריע. דער לייטער פון דער קולטור־ליגע אַבראַמסאָן, צוזאַמען מיט מיר זענען אַוועק צופוס קיין מעדזעשין, מיטן ציל איינצואָרדענען אַ קינדערהיים פאַר די קינדער, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע עלטערן אין דער צייט פון דער מלחמה. ווען מיר זענען אָנגעקומען אויפן אָרט האָבן מיר אָנשטאָט דער אַמאָליקער סאַנאַטאָריע, אָנגעטראָפן אויף אַ חורבה. די געביידעס זענען געווען צעשטערט. דער איינוואָנטאָר — אויסגעראַבעוועט, עלעקטריע און וואַסער איינריכטונגען — צעשטערט. און דאָס סאַמע שרעקלעכסטע — אויפן געביט פון דער סאַנאַטאָריע, האָבן מיר אָנגעטראָפן

א נישט-הומאַניטאַרער אַקט, וואָס פּאַסט נישט דעם ענג-לישן נאָמען, מיט צוואַנג צו דעפּאָרטירן די אָפּגעראַטע-וועטע קיין מאַוריטיוס".

ווען מען האָט אים אינפאָרמירט וועגן די צוגרייטונגען פון קאָנצענטראַציע לאַגערן פאַר יידישע פליטים אין מאַור-טיוס, פּראָטעסטירט טשערטשיל: „איך האָב קיינמאָל ניט „קאָנטעמפּלירט" אַז יידישע פליטים זאָלן איינגעשלאָסן ווערן אין לאַגערן מיט שטעכלדראָט און וועכטער"...

דעם זעלבן נוסח פון רחמנות קאָן מען געפינען אין צאָלרייכע דאָקומענטן. ווען די אַדמיראַליטעט האָט באַ-פוילן די ענגלישע קריגס שיפן צו פאַרכאַפּן די בולגאַרישע שיף „רודניכאַר" מיט פליטים אויף די אינטערנאַציאָנאַלע וואַסערן, האָט טשערטשיל, וואָס איז געווען דער „לאָרד פון דער אַדמיראַליטעט" פּראָטעסטירט, וויל אַזאַ אַקט מיינט א פאַרגוואַלטיקונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע גע-זעצן, אָבער גלייכצייטיק האָט ער צוגעגעבן, אַז דער באַ-פעל זאָל אויסגעפירט ווערן נאָר אין דעם איינציקן פאַל. מער האָט זיך טשערטשיל נישט געזאָרגט, און די פּיראַטן-אַקטן פון די ענגלישע קריגס שיפן אויף די אינטערנאַציאָ-נאַלע וואַסערן זענען ווייטער אָנגעגאַנגען (די גריכישע שיף „הילכאַ").

ווען ווייצמאַן און טשערטאָק האָבן געפאָדערט, אַז די ענג-לישע לופט כוחות זאָלן באָמבאַרדירן די באַן ליניע פון בודאַפּעשט קיין אוישוויץ און די גאַז קאַמערן האָט טשער-טשיל איבערגעגעבן די אויפגאַבע דעם מיניסטער פון די לופט כוחות סער אַרטשיבאַלד סינקלעיר אויסצופירן דעם פּראָיעקט. פון דעם באַפעל איז גאָרנישט געוואָרן. סער אַרטשיבאַלד סינקלעיר (אויך א „זאַיאָניסט") האָט צוערשט געענטפערט, אַז די אַמעריקאַנער זאָלן דאָס טאָן. שפּעטער האָט ער פאַרלאַנגט גענויע טאָפּאָגראַפישע אינפאָרמאַציע וועגן אוישוויץ און טרעבלינקע. ווען די יידישע אַגענץ האָט באַזאָרגט די טאָפּאָגראַפישע אינפאָרמאַציעס (פון דער פּוי-לישער רעגירונג), זענען די דאָקומענטן געבליבן פאַר-שטעקט אין אַ שופלאָד צווישן „פאַרעין אָפיס" און דעם מיניסטעריום פון די לופט-כוחות.

עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז די אַלע פּאַטעטישע רייד און באַפעלן זענען מער געווען געווידמעט די אַרכיוון פאַר די צוקונפטיקע געשיכטע פאָרשער, און שום וואָ-גיקייט צו באַאיינפלוסן די טראַגישע ווירקלעכקייט

די הויפּט באַשולדיקונג און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון טשערטשילן איז, אַז ער האָט פּרעזידירט איבער אַ קאַבינעט, וואָס האָט מעטאָדיש אַרומגערינגלט דעם נאַצי-אָקופּירטן קאָנטינענט מיטן ציל נישט צו דערלאָזן, אַז אינדיווידועלע יידישע פליטים און גרעסערע גרופּן (די בולגאַרישע יידן, יידן פון רומעניע, אונגאַרן, גריכנלאַנד אא"וו) זאָל זיך אַרויסרייסן פונעם היטלעריסטישן גיהנום.

מיר ווייסן, אַז דאָס איז געווען די אָפיציעלע פּאָליטיק פון טשערטשילס קאַבינעט: מקריב צו זיין דאָס אייראָפּעאישע יידנטום אויפן מזבח פון די ענגלישע אימפּעריאַליס-טישע אינטערעסן אין דעם איינגערעדטן גלויבן אַז אַן דעם דרוק פאַר אַ יידישער מדינה וועלן די ענגלענדער בשלום געוועלטיקן איבער די אוצרות פון די אַראַבישע מדינות.

די באַשולדיקונג קעגן טשערטשילן איז, אַז מיט זיין שוויגן האָט ער „דער גרויסער פריינד פון יידן" אויסגע-דריקט זיין פולע הסכמה מיט דער פאַרטעטערישער פּאָלי-טיק פון זיין קאַבינעט, אַ פּאָליטיק, וואָס האָט מיט דיפּלאָ-מאַטישע אינטערווענצן און מיטן כוח פון די קריגס-שיפן פון זיין מאַיעסטעט געשאַפן אַ שטעכלדראָט-צוים אַרום דעם אויסערלעכן פּערימעטער פון די נאַצי-לאַגערן און אַזוי אַרום אַקטיוו געהאָלפן דער נאַצי-מאַשין אומברענ-גען די יידן.

אָנערקענענדיק צום זכות דעם קאַמף פון רוזוועלטן און טשערטשילן קעגן נאַצי-דייטשלאַנד, אַ גיגאַנטי-שער קאַמף וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט די מענטש-הייט פון פאַרשקלאַפונג — מוז מען אָבער מיט טרויער און צאָרן פעסטשטעלן אַז צוליב אימפּעריאַליסטישע אינ-טערעסן האָבן זיי געטאָן אַלעס מעגלעכע (אין די באַדינגונ-גען) אַז אין דער נאַצי מלחמה קעגן די יידן, זאָלן די נאַציס זיגן און די יידן פאַרלירן זעקס מיליאָנען קרבנות.

די נאַציס האָבן געהעריק אָפּגעשאַצט די שטעלונג פון די אַליִירטע לגבי די יידן.

אין דעצעמבער 1942 האָט געבעלס פאַרנאָטירט אין זיינע טאָגביכער: „אין ווירקלעכקייט... ביידע: די ענג-לענדער און די אַמעריקאַנער זענען העכסט צופרידן, אַז מיר פאַרניכטן דאָס יידישע געזינדל... (זע לואיס פּ. לאָטשנער „ד"ר געבעלס דייעריס", זייט 241).

**פון רעדאַקציע:**

אין פריערדיקן נומער איז אין ד"ר פערשטענדיקס אַרטיקל אריינגעפאַלן עטלעכע פאַרדריסלעכע פעלערן, וועלכע מיר פאַרבעסערן דאָ:

זייט 3 (רעכטער קאָלום) הלל קוק, אַ ברודער פון הרב — דאַרף זיין: הלל קוק — אַ ברודערן-זון...

זייט 3 (לינקער קאָלום) די רומענישע רעגירונג לייגט פאַר צו פאַרקויפן 10.000 יידן — דאַרף זיין 70.000 יידן.

אונדזערע הארציקסטע ברכות
דעם וועטעראַן פון די יידיש-וועלטלעכע
טעטיקייטן אין אונדזער ישוב
# פר׳ סענדער בורשטין
## צו זיין 80טן געבוירן-טאָג
„קדימה"-קאָמיטעט

נישט באשולדיקן, אז ער האט אריינגעצויגן אמעריקע אין א „יידישער מלחמה“...

רוזוועלט איז בלי ספק געווען איינער פון די גרעסטע שטאטס־מענער אין דער מאדערנער געשיכטע.

שוין אין דער צייט פון „אפיזמענט“ האט רוזוועלט איינגעזען, אז נאצי דייטשלאנד שטעלט מיט זיך פאר א געפאר פאר דער גאנצער פרייער וועלט.

דאקומענטן־פארשער באהויפטן, אז ווען רוזוועלט האט צוריקגערופן דעם אמעריקאנער אמבאסאדאר פון בערלין נאך דער „קריסטאל־נאכט“ איז דאס נישט געווען קיין זשעסט לטובת די יידן. „רוזוועלט האט געזוכט א קאנ־פראנטאציע מיט נאצי דייטשלאנד“.

פון יאר 1939, ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן אין אייראפע, איז די אויפגאבע פון רוזוועלטן געווען א גיגאנ־טישע: צו מאניפולירן דאס אמעריקאנער פאלק (וואס איז געווען אין אן איבערוויגנדער מערהייט איזאלאציאניסטן) מיטן ציל לאנגזאם אריינצוציען אמעריקע אין א מלחמה קעגן די „אקס־מדינות“ (דייטשלאנד־יאפאן) אין דער זעל־בער צייט האט ער מאביליזירט די אמעריקאנער אינדוס־טריע פאר שאפן א ריזיקן ארסענאל פון מאדערנע וואפן.

עס איז בלי ספק, אז די היינטיקע דעמאקראטישע פרייע וועלט האט צו פארדאנקען איר עקזיסטענץ דער געניאלער שטאטסמאנשאפט פון רוזוועלטן אין פעריאד 1939־1941, ווען רוזוועלט האט באצויבערט און מאניפו־לירט דאס אמעריקאנער פאלק און גלייכצייטיק געשטופט יאפאן און דייטשלאנד צו אן אפענער אגרעסיע קעגן אמע־ריקע. די מפלה פון נאצי דייטשלאנד האט אפגעראטעוועט די מענטשהייט פון פארשקלאפונג און דאס וועלט יידנטום פון אומקום.

פון דער אנדער זייט, אפשאצנדיק רוזוועלטס ראל פון יידישן שטאנדפונקט, קאן מען ארויסווייזן פארשטענדעניש פאר דער טאקטיק פון רוזוועלטן, נישט צו אידענטיפיצירן די יידישע אינטערעסן מיט די נאציאנאל אמעריקאנער אינטערעסן איידער דעם אריינטריט פון אמעריקע אין דער מלחמה. אבער מיט דעם מאמענט, ווען אמעריקע איז אריינגעצויגן געווארן אין דער מלחמה, נאך דער ברוטאלער יאפאנישער אגרעסיע (דעם 7־טן דעצעמבער 1941) און נאך דעם ווי נאצי דייטשלאנד האט א טאג שפעטער דער־קלערט מלחמה קעגן אמעריקע, האט דער איזאלאציאניס־טישער, טיילווייז אנטיסעמיטישער לאגער פארלוירן יעדן באדן. די מלחמה איז ארויפגעצווונגען געווארן אויף אמע־ריקע און דאס אמעריקאנער פאלק האט געהאט נאר איין אלטערנאטיוו: צו קעמפן און זיגן.

אין דעם פעריאד, זייט סוף פון יאר 1941, איז מער נישט געווען קיין גרונד פאר רוזוועלטן צו דערלויבן זיין אדמיניסטראציע פארטושן די יידישע טראגעדיע און צו דולדן סאבאטאזש־אקטן פון זיין סטייט־דעפארטמענט קעגן יעדן פרווו פון א רעטונגס אקציע.

אין די דאזיקע באדינגונגען איז רוזוועלטס גלייכגיל־טיקייט צו דער פארניכטונג פון די יידן אין אייראפע א באווייז, אז ער איז געווען נישט אומצופרידן, וואס די דייטשן גייען, אן מיט זייער מאסן מארד פון יידן, נישט דער פאר וויל ער איז געווען אן אנטיסעמיט, נאר וויל ער איז געווען גרייט מקריב צו זיין דאס אייראפעאישע יידנטום פאר די אינטערעסן פון ענגלישן אימפעריאליזם.

אגב, עס זענען פאראן היסטארישע באווייזן, אז רוז־וועלט איז נישט געווען פריי פון אנטיסעמיטישע סענטי־מענטן.

אין די „מעלבורנער בלעטער“ נומער 2 — 1982, האב איך ציטירט א געשפרעך צווישן רוזוועלטן און דעם פראנצויזישן גובערנאטאר פון קאסאבלאנקע, אין שייכות מיט דעם איבערטראנספארטירן פליטים פון שפאניע קיין צפון אפריקע. רוזוועלט האט דערקלערט „די צאל יידן פון פרייע בארופן (יוריספרודענץ, מעדיצין, קאלעדזש פראפעסארן) מוז זיין אויסדריקלעך באגרענעצט צו דער יידישער באפעלקערונג אין צפון אפריקע אין פארגלייך מיט דער גאנצער באפעלקערונג אין צפון אפריקע... דאס וועט פארמיידן דאס ספעציפישע און פארשטענדלעכע באקלאגן זיך פון די דייטשן, אז 50 פראצענט פון זייער פראפעסיעס זענען באזעצט פון יידן“..

לויט פראנציס ליעווענשטיין „רוזוועלט ענד טשערטשיל“ האט רוזוועלט די זעלבע אנטיסעמיטישע דרשה איבער־געחזרט אין א געשפרעך מיט דעם מאראקאנער סולטאן מוהאמעד אין דער אנוועזנהייט פון טשערטשילן.

מיט אזא אנטיסעמיטישער „נומערוס קלאוזוס“ דרשה וואלט רוזוועלט נישט געוואגט אויפצוטרעטן אין אמע־ריקע, ווייל דאס וואלט געווען א פארגוואלטיקונג פון דער אמעריקאנער קאנסטיטוציע.

ריטשארד קראסמאן איז געווען גערעכט. די פערזענ־לעכע מיט־פאראנטווארטלעכקייט פון רוזוועלטן פאר דעם אומקום פון אייראפעאישן יידנטום אונטערליגט נישט קיין צווייפל. די לעגענדע וועגן רוזוועלטן אלס דעם „גרויסן יידן פריינד“ (וואס די אמעריקאנער יידישע אנפירערשאפט האט געשפונען און פארשפרייט) האט זיך פארענדיקט אויף די אש־בערג פון די טויטן־לאגערן.

★

ווינסטאן טשערטשיל האט אויך פארנומען א גאר בכבודיקן פלאץ אין די לעגענדעס וועגן „די גרויסע יידן פריינד“. ער איז אפילו באצייכנט געווארן אלס א „ציא־ניסט“.

טשערטשיל איז נישט בלויז געווען א שטאטסמאן פון א גאר הויכער מדרגה, ער איז אויך געווען אן אינטעלעק־טואל מיט א חוש פאר דער היסטארישער אפשאצונג פון זיין פערזענלעכקייט. אין זיין לאנגער קאריערע קאן מען נישט געפינען קיין שפור, קיין אויסדרוק, וואס מ׳וואלט געקאנט אויסטייטשן אלס אנטיסעמיטיש.

אדרבא — זיינע ארויסזאגונגען וועגן די ליידן פון די יידן, זענען פול מיט פאטאס און רחמנות. ווען גענעראל וועיוועל האט פראטעסטירט קעגן באשלוס פון קאבינעט צו דערלויבן די געראטעוועטע פון דער שיף־„פאטריא“ צו פארבלייבן אין פאלעסטינע, האט אים טשערטשיל טע־לעגראפירט: „פערזענלעך האלט איך, אז דאס וואלט געווען

צאלרייכע אינטעלעקטואלן, עקאנאמיסטן און סאציאלאגן, וואס האבן געארבעט בלב ונפש פאר דער רעאליזאציע פונעם „נוי דיעל".

ידן זענען געווען באגייסטערט, ווען רוזוועלט האט צוריקגעצויגן דעם אמעריקאנער אמבאסאדאר ה. ווילסאן פון בערלין, אלס פראטעסט קעגן דעם „קריסטאל-נאכט"-פאגראם איך נאוועמבער 1938.

שלמה שאפיר (היסטארישער פארשער אויפן געביט פון אמעריקאנער פאליטיק און אמעריקאנער ידנטום) האט פארנאטירט, אז ווען רוזוועלט איז געשטארבן דעם 12-טן אפריל 1945 האט קיין שום עטנישע מינדערהייט נישט אזוי געטרויערט, ווי די ידן נאכן טויט פון „זייער" פרעזידענט.

אבער ווען נאכן לעגאלן פעריאד פון דרייסיק יאר האבן זיך אויפגעמאכט פאר דער עפנטלעכקייט, די געהיימע ארכיוון, האט זיך אנטפלעקט א גאנץ אנדער רוזוועלט. און אנדער פערזענלעכקייט. אמת, נישט קיין סכיזאפרענישע פיגור, נישט קיין פערזענלעכער אנטיסעמיט. אבער ווייט נישט קיין ידן פריינד.

פערזענלעך אן רעליגיעזע אדער ראסיסטישע פאראורטיילן קעגן ידישע יחידים, וואס שייך אבער דעם כלל ישראל, איז רוזוועלט געווען גרייט מקריב צו זיין דעם ידישן קאלעקטיוו פאר פאליטישע אינטערעסן, אזוי ווי ער האט זיי פארשטאנען. ער איז נישט געווען קיין שונא פון ידן, אבער אין די פריאריטעטן פון זיין „מאסטער פלאן" פאר די אינטערעסן פון דער דעמאקראטישער וועלט, איז נישט געווען קיין פלאץ פאר דעם ידישן קאלעקטיוו. דערפאר איז ער געווען גלייכגילטיק צום גורל פון די ידן אזוי ווייט, אז די גלייכגילטיקייט האט סיגנאליזירט און איז לאגיש אויסגעטייטשט געווארן דורך די נאצים, אז אמעריקע גיט זיי א פרייע האנט אומצוברענגען דאס גאנצע אייראפעאישע ידנטום.

די אפאלאגיסטן פון רוזוועלטן באהויפטן, אז אין זיין דראנג ארויסצופירן אמעריקע פון איר איזאלאציע און אריינפירן דאס אמעריקאנער פאלק אין א מלחמה קעגן היטלער דייטשלאנד, האט רוזוועלט זיך באמיט צו פארטושן די ידן-פראגע, בכדי די איזאלאציאניסטן זאלן אים נישט באשולדיקן, אז ער וויל אריינציען דאס אמעריקאנער פאלק אין א „ידישער" מלחמה קעגן נאצי-דייטשלאנד.

פאראן א שטיק אמת אין אזא ארגומענטאציע. אמעריקע איז געווען נייטראל. די מערהייט פון אמעריקאנער פאלק איז געווען קעגן אריינגעצויגן ווערן אין א מלחמה. די איזאלאציאניסטן האבן זיך באנוצט מיט דעם אנטיסענטימענט איז נישט געווען קלענער, ווי דער אנטי-ידישער מינדערהייט איז געווען טעטיק דער „נאצי-בונד". — א פאקט איז אויך, אז דער טראדיציאנעלער אנטי-בריטישער סינטימענט איז נישט געווען קלענער, ווי דער אנטי-ידישער סענטימענט. גענוג צו דערמאנען די אנגריפן פון טשארלס לינדנבערג קעגן „די בריטן, די ידן און דער רוזוועלט אדמיניסטראציע".

לאמיר פארצייכענען א פאר פרטים, וואס שטארן ארויס ווי דערנער אין דעם קראנץ פון דער רוזוועלט-לעגענדע.

אינעם קאנגרעס האט מען פארגעשלאגן דעם וואגנער-ראדזשערס ביל צו געבן ציטווייליקן אזיליום פאר צוואנציק טויזנט ידישע קינדער. דער דאזיקער קאנגרעס-פארשלאג איז „געלייגט געווארן אויפן אייז" צוליב דער קעגנערשאפט פונעם פרעזידענט, אבער א ביסל שפעטער האט דער פרעזידענט פארגעשלאגן אריינצולאזן צענער טויזנטער ענגלישע קינדער.

ווען עס איז אויפגעשוווימען די מעגלעכקייט צו עוואקואירן די בולגארישע ידן און אנטאני אידען בעת זיין באזוך אין וואשינגטאן האט זיך ארויסגעזאגט קעגן דעם רעטונגס-פלאן, האט רוזוועלט אנגענומען די ענגלישע שטעלונג אז איין אייציק ווארט לטובת די ידן, וואס זענען געשטאנען אין די קארידארן פון טויט.

פון די דעקלאסיפיצירטע דאקומענטן איז צו זען, אז רוזוועלט איז געווען גענוי אינפארמירט וועגן דעם פארנעם פון דער מאסן-אויסראטונג פון די ידן און וועגן די שטרויכלונגען און סאבאטאזש אקטן פון זיין סטייט דעפארטמענט קעגן א יעדן פרווו צו ראטעווען ידישע פליטים. עס האט אים אבער געטויגט, אז די ידן זאלן אנווענדן זייער פראטעסט און כעס קעגן דעם סטייט דעפארטמענט און די אנטיסעמיטן וואס האבן דארט געוועלטיקט.

די אפאלאגיסטן פון רוזוועלטן געפינען תרוצים פאר א יעדן אקט פון גלייכגילטיקייט צום ידישן גורל און סאבאטאזש אקטן קעגן א יעדן פרווו פון א רעטונגס-אקציע.

ווען אין די ראמען פון דער „עוויאן" קאנפערענץ האט אמעריקע אויף זיך גענומען אריינצולאזן פליטים (ידן און נישט ידן) בלויז אין די ראמען פון דער נארמאלער דייטש-עסטרייכישע קוואטע, איז דער תירוץ פון די אפאלאגיסטן, אז אריינלאזן מער ידישע פליטים וואלט פאראורזאכט אנטיסעמיטיזם אין אמעריקע. אזוי, אז דאס איז געווען גאר „לטובת" די אמעריקאנער ידן... ווען נאכן אויסברוך פון דער מלחמה האט רוזוועלטס אדמיניסטראציע באגרענעצט דאס ארויסגעבן אימיגראציע וויזעס (אפילו אין דער קוואטע צאל), איז דער תירוץ: מעגלעך איז, אז צווישן די ידישע פליטים האבן געקאנט זיין דייטשע אגענטן.

ווען עס איז אנטשטאנען די מעגלעכקייט צו עוואקואירן די ידן פון בולגאריע, רומעניע, אונגארן איז דער תירוץ געווען, אז דאס וועט פארדריסן די אראבער.. ווען רוזוועלט האט זיך קעגנגעשטעלט דעם פראיעקט צו באמבארדירן די גאז-קאמערן און אוישוויץ און די באן-ליניעס צו די טויט לאגערן איז דער תירוץ געווען אז די דאזיקע ציל-פונקטן געפינען זיך אויסערן ראדיוס פון דער אמעריקאנער קריגס-אוויאציע (צו ווייט).

שפעטערע דאקומענטן האבן באוויזן, אז אמעריקאנער באמבערס זענען געפלויגן איבער דער אוישוויץ ליניע און אפילו על פי טעות אראפגעווארפן באמבעס אויף אוישוויץ. האבן די אפאלאגיסטן א נייעם תירוץ: רוזוועלט האט נישט דערלויבט צו באמבארדירן אוישוויץ, ווייל ער האט נישט געוואלט אידענטיפיצירן קיין שום מלחמה אקט מיט ידישע אינטערעסן, בכדי די אנטיסעמיטן אין אמעריקע זאלן אים

ד״ר מ. פערשטענדיק

# די קליינע „קאַלאַבאָראַטאָרן״ און די גרויסע „יידן־פריינט״

(היסטאָרישע אָפּשאַצונגען)

אין דעם בוך „אייכמאַן אין דזשערוזאַלעם״ (1962) באַהויפּטעט האַננאַ אַרענדט, אַז די יידישע אָנפירער, די יידנראַטן זענען מיט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אומקום פון אייראָפּעאישן יידנטום. די יידישע פירער האָבן גע־האָרכזאַם סעלעקטירט די קרבנות פאַר די גאַז קאַמערן. האַננאַ אַרענדט אַרגומענטירט: „דער גאַנצער אמת איז, אַז ווען די יידן וואָלטן נישט געווען אָרגאַניזירט, נישט געהאַט קיין אָנפירערשאַפט, וואָלט געווען אַ כאַאָס און טאַקע אַ סך צרות, אָבער די טאָטאַלע צאָל פון קרבנות וואָלט נישט געווען צווישן פיר און אַ האַלבן און זעקס מיליאָן״.

דאָס איז מער ווייניקער, די חוט השדרה פון האַננאַ אַרענדטס געדאַנקען גאַנג. דער טרויעריקער אמת איז אָבער, אַז האַננאַ אַרענדטס „גאַנצער אמת״ איז אַ היסטאָ־רישער שקר.

אין די אָקופּירטע רוסישע טעריטאָריעס, ווו עס זענען נישט געווען קיין יידנראַטן, איז די עקסטערמינאַציע פון די יידן געווען אַבסאָלוט טאָטאַל. אָן סעלעקציעס, אָן דעפּאָרטאַציעס. יידן זענען פשוט דערשאָסן געוואָרן מיט מאַשין־געווער אין אָפענע מאַסן קברים, וואָס זיי אַליין האָבן געמוזט אויסגראָבן.

ריטשאַרד קראָסמאַן (ענגלישער פּאָליטיקער און שרייַ־בער) האָט אין 1962 באַשולדיקט האַננאַ אַרענדט אין אַ דאָפּלטן שטאַנדפּונקט. אין איר פילאָסאָפישן בוך: „אָן דהי אָרידזשינס אָף טאָטאַליטעריאַניזם״ באַהויפּטעט האַננאַ אַרענדט, אַז דער טאָטאַליטאַרער טעראָר האָט נישט אי־בערגעלאָזט דעם יחיד קיין געוויסנהאַפטן אויסוועג: „ווען איינער שטייט פאַר דער אַלטערנאַטיוו צווישן פאַראַט, און דורך דעם פאַראַט, מאָרדן זיינע פריינד און אַפילו זיין ווייב און קינדער, ווען אפילו זעלבסטמאָרד מיינט מאָרד פון זיין אייגענער משפחה — ווי קאָן ער דעצי־דירן?... די אַלטערנאַטיוו איז נישט מער צווישן טוב ורע, צווישן גוטס און שלעכטס, נאָר צווישן מאָרד און מאָרד״.

אויפן סמך פון אָט דער פילאָסאָפישער טעזע ווייזט די יידישע פרוי אַרענדט אַרויס איבערמענטשלעכע פאַרשטענ־דעניש, און גרויסצוגיקייט צו פעטיין, מוסאָליני און אַנדערע קאָלאַבאָראַטאָרן מיט די נאַציס, אָבער די יידישע אָנפירערשאַפט, די יידנראַטן זענען אַן אויסנאַם.

לויט ריטשאַרד קראָסמאַן איז אָט אַזאַ דאָפּלטער שטאַנדפּונקט — אַנטיסעמיטיזם, וואָס שטעקט טיף אינעם אונטערבאַוווסטזיין אויך ביי יידן.

קראָסמאַנס הויפּט באַשולדיקונג קעגן האַננאַ אַרענדט איז: „די ענגלישע רעגירונג וואָס האָט פאַרשלאָסן און פאַרזיגלט די טויערן פון פּאַלעסטינע פאַר יידישע פּלי־טים און אַזוי אַרום פאַראורטיילט צענדליקער טויזנטער יידן צו די גאַז־קאַמערן, ווערט אין גאַנצן באַפרייט פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַזוי אויך מיסטער רוזוועלט, דער פויפּסט און סטאַלין... נאָר די יידן זענען פאַראַנטוואָרט־לעך״...

איך גלויב, אַז ריטשאַרד קראָסמאַן איז אפשר געווען דער ערשטער פּראָמינענטער שרייבער וואָס האָט אָנגעדייט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון רוזוועלטן.

דאָ דאַרף מען פאַרנאָטירן, אַז די יידן אין אַמעריקע האָבן באַטראַכט רוזוועלטן אַלס אַ גרויסן יידן פריינד. דאָס איז אויך געווען די מיינונג פון די נישט יידישע אָנ־הענגער און קעגנער פון רוזוועלטן. די אַנטיסעמיטישע קעגנער פון רוזוועלטן (אין דעם רעפּובליקאַנער לאַגער) האָבן פאַרשריגן דעם „נו דיעל״ (רוזוועלטס עקאָנאָמיש־סאָציאַלער פּלאַן אַרויסצופירן אַמעריקע פון דער טיפער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע) אַלס אַ „דזשו־דיעל״. די אַנטי־סעמיטן אין דעם דעמאָקראַטישן לאַגער זענען אין דער היינזיכט געווען איינשטימיק מיט די אַנטיסעמיטן פון רעפּובליקאַנער לאַגער, ווייל רוזוועלט האָט זיך אַרומגע־רינגלט מיט אַ גאָר גרויסער צאָל יידישע באַראַטער. הענרי מאָרגענטוי דער פינאַנס מיניסטער; אויסערהאַלב דעם קאַבינעט זענען זיינע יועצים געווען פעליקס פראַנקפור־טער, בערנאַרד קאָהען, מאָריס ערנעסט; דער ריכטער בראַנדעס; הערבערט לעהמאַן, בערנאַרד באַרוך; סעמיועל ראָזענמאַן (דער מחבר פון די רעדעס, מיט וועלכע דער פּרעזידענט האָט באַצויבערט די אַמעריקאַנער מאַסן) און

---

קומענטן, געלט און ווערן נאָך ביז היינט אויסגעהאַלטן דורך געהיימע רעגירונגס־פאָנדן. צוליב וועלכן ציל? וועלכן נוצן האָבן זיי געבראַכט? וועלכע וויכטיקע אינ־פאָרמאַציע האָבן זיי געהאַט, עס זאָל זיך לוינען אָט־דער מכשפה־האַנדל?

דאַרף מען אָננעמען — אַז דער נירענבערגער פּראָ־צעס קעגן קריגס־פאַרברעכער איז געווען לפּנים וועגן?

40 יאָר נאָכן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, נאָכן מורא׳דיקן חורבן, איז דער וועג פון דער יידישער גע־שיכטע נאָך אַלץ אויסגעלייגט מיט טראַגישע מייל־שטיינער.

מען קאָן נישט פאַרבייגיין דעם פאַקט, וואָס מדינת ישראל איז אונדזער לייכט־טורעם, וואָס באַלייכט דעם דאָזיקן וועג.

אָבער אין דעם פעלדזיקן אַרום שלאָגן זיך נאָך אַלץ אָן אונדזערע טרוימערישע שיפן וועגן אַ בעסערער וועלט, און זינקען...

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

לי̇טעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פֿון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria 3185, Australia

אַפּריל־מאַי 1983 נומער 2 (36) מעלבורן, אויסטראַליע


## אונדזער דור — אין דער יידישער געשיכטע

די מייל־שטיינער, וועלכע צייכענען אָפּ יידישע געשיכטע אין אונדזער לעבנס־צייט, זענען דאַטעס.

50 יאָר נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט; 40 יאָר נאָכן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד; 38 יאָר נאָכן אָנהויב פון נירענבערגער פּראָצעס קעגן די נאַציס (פון וועלכן ס'האָט זיך דערווייל קיינער נישט געלערנט); 37 יאָר נאָכן קעלצער פּאָגראָם, וואָס איז געווען דער שטויס יידן זאָלן ווידער פאַרלאָזן פּוילן.

דאָס זענען דאַטעס נישט פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט — נאָר טראַגישע געשעענישן, וועלכע מיר אַליין האָבן מיטגעמאַכט. זיי זענען אַריין אין אונדזער פּסיכיק; אין אונדזער טראַכטן. זיי זענען געוואָרן די פּריזמע דורך וועלכער מיר זעען דעם ארום, די וועלט — די מענטשהייט צווישן וועלכער אונדז קומט אויס צו לעבן.

האָבן די דאַטעס זיך איינגעקריצט בלויז אין אונדזער געמיט, באַווירקט אונדזערע געפילן, געוואָרן די מאָס, מיט וועלכער מיר מעסטן די אויפריכטיקייט און די באַציאונג צו אונדז? איז פון אָט דעם הוראַגאַן די וועלט אַרויס אומבאַשעדיקט? האָט זיך דאָס געוויסן פון דער וועלט אַפילו אויף אַ האָר נישט קיין צאַפּל געטאָן?

מיר האָבן נישט אונטערן האַנט די באַווייזן, כדי די פראַגן צו פאַרענטפערן פּאָזיטיוו. געוויס זענען דאָ צווישן אונדז יידן, וועלכע האַלטן דעם קאָפּ אין זאַמד — ווי דער שטרויס־פויגל — און ווייל זיי זעען קיינעם נישט, מיינען זיי — אַז קיינער זעט זיי נישט.

דערפאַר אָבער זענען דאָ אָן אַ שיער נעגאַטיווע פאַקטן.

די יידישע טראַגעדיע האָט זיך אָנגעהויבן אין נאַצי־דייטשלאַנד.

די אַלטע נאַציס, וועלכע זענען געקומען צו דער נאַצי־פּאַרטיי צוליב קאַריערע; האַס קעגן די זיגער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; צוליב דעם ווערסאַלער טראַקטאַט; אַרבעטסלאָזיקייט; פּאָליטישע צעקראָכנקייט פון דער ווימאַר־רעפּובליק; אַ ווילן צו פאַרנעמען דאָס אָרט און דעם פאַרמעגן פון יידן אין דייטשלאַנד, און אַ סך אַנדערע סיבות — אויסער אידעאָלאָגישע — די אַלטע נאַציס, לאָמיר אָננעמען — זענען שוין טויט.

אַ סך געפערלעכער זענען דעריבער די יונגע נאַציס — וועלכע פאַרמערן זיך אין דייטשלאַנד, און וואָס זייער נאַציזם ווערט דיקטירט פון אידעאָלאָגישע מאָטיוון; פון גלאָריפיקאַציע פאַר אַ צייט — ווען מענטשלעך לעבן איז געווען הפקר — און מאָרד — אומבאַשטראָפט.

אָן אַ באַדייטנדע צאָל יידן אין דייטשלאַנד — צו פּראַקטיצירן זייער ראַסיסטישן שגעון — זענען היינט דאָ אין דייטשלאַנד מיליאָנען פרעמדע אַרבעטער, וועלכע מען האָט פאַרבעטן. זיי האָבן זיך איינגעבירגערט און אַצינד וויל מען פון זיי פּטור ווערן דורך אָנוואַרפן אויף זיי אַ מורא: טעראָר; מאָרד; פאַרגוואַלדיקונגען — אויף וועלכע די מאַכט־אָרגאַנען קוקן דורך די פינגער. דער הויפּט־אָנגריף גייט קעגן די טערקן.

דערציילט דער טערקישער זשורנאַליסט גונאַי קאַיאָגלו וועגן אַ לאָזונג וועלכע מען טרעפט אויף די ווענט, אין מערב־דייטשלאַנד:

אונדזערע גאַז־קאַמערן וואַרטן אויף די טערקן,<br>
היטלער האָט געברענט יידן—מיר וועלן ברענען טערקן—<br>
וואָס איז דער אונטערשיד צווישן יידן און טערקן?<br>
די יידן זענען געגאַנגען... די טערקן וועלן גיין *).

צווישן די נעגאַטיווע פאַקטן דאַרף מען פאַרציכענען דעם פאַל קלאַוס באַרביע, דעם „קצב פון ליאָנס", וועלכן מ'האָט אויסגעליפערט קיין פראַנקרייך פון באָליוויע — 39 יאָר צו שפּעט.

קיינער דערוואַרט נישט, אַז אַ שעף פון געסטאַפּאָ אין אַן אָקופּירטער שטאָט, זאָל זיין אַ שטיקל מענטש. במילא זענען די באַגאַנגענע פאַרברעכנס אַ „נאָרמאַלע" דערשיינונג פאַר באַנדיטן, וועלכע זענען אריין אין דינסט פון געסטאַפּאָ.

אָבער דאָס, וואָס מאַכט אויפשוידערן איז דער פאַקט — אַז דער אַמעריקאַנער געהיים־דינסט האָט דעם דאָזיקן מערדער באַזאָרגט מיט פאַלשע דאָקומענטן און געלט, כדי ער זאָל קאָנען אַנטלויפן און לעבן ווי אַ פרייער מענטש גאַנצע 39 יאָר.

זאָל מען זיך טרייסטן, אַז ער איז דער איינציקער?

עס איז שווער אין דעם צו גלויבן. אין די הונדערטער, אויב נישט אין די טויזנטער לעבן נאָך היינט אין אַמעריקע געוועזענע מערדער, נאַצישע קאָלאַבאָראַטאָרן פון אַלע לענדער אין אייראָפּע, וועלכע די נאַציס האָבן אָקופּירט. די דאָזיקע מענטשן האָבן באַקומען שוץ; דאַ־

*) Migration Action, Vol. VI, No. 2, 1982.

די „קדימה" לאַדנט איין די יידישע באַפעלקערונג
אַנטיילצונעמען אין

## אַ פייערלעכער קבלת־פּנים

לכבוד דעם גאַסט־רעדנער,
דעם יידישן שרייבער פון רומעניע

# וואָלף טאַמבור

די אויפנאַמע קומט פאָר
**זונטיק, דעם 8־טן מאַי 1983, 8 אָוונט**
אין לעאָ פינק־זאַל, ביי געדעקטע טישן.

דער גאַסט וועט רעפערירן אויף דער טעמע:
**„אַ גרוס פון רומעניע"**




# אינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| **מ. א.** | — אונדזער דור — אין דער יידישער געשיכטע | 1 |
| **ד"ר מ. פערשטענדיק** | — די קליינע „קאַלאַבאַראַנטן" און די גרויסע „יידן־פריינט" | 2 |
| **וו. יאַבלאָנסקי** | — מיט יידן אין וואַרשעווער געטאָ (זכרונות) | 6 |
| **העניק גרינבערג** | — צוזייגענען דעם חורבן (פראַגמענט) | 9 |
| **ד"ר יצחק קאַנטער** | — דריי שטאַפּלען אין דער פעלשונג פון חורבן־געשיכטע | 10 |
| **י. מ. לעווין** | — וואַסער און ברויט (דערציילונג) | 11 |
| **מגר בן־ציון פעלדשוה** | — אַן ענטפער פּראָפעסאָר ק. ג. יונג | 14 |
| **י. קאַפּע** | — ווי אַזוי מיר זענען געוואָרן „דאָס אויסגעקליבענע פאָלק" | 16 |
| **מאַרק בעזובני** | — דער קלאַס פון 37טן יאָר (דערציילונג) | 18 |
| **רחל בעקער** | — מיין טאַטנס אויגן | 22 |
| **מ. טאָפּיאַל** | — באַמערקונגען וועגן שאָך־שפּיל | 22 |
| **מעם** | — פאַרבייגייענדיק | 23 |


**פּרייז פון נומער $1.50**

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער




פרייז פון נומער $1.50

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 2 (36) אַפּריל-מאַי 1983